קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 253 פרשת בא · תשפ"ה


**היכל הקודש נייעס:**
מזל טוב צום נייעם בית המדרש אין בית שמש רמה ב'

**וועלטליכע נייעס:**
וואלמארט צאלט נאנט צו פיר מיליאן דאלער פאר א ריברענד

**היסטאריע בלעטער:**
די באגגב'טע שטאלץ

**היכל הלכה:**
מעג מען שארן די שניי שבת?



# אליין אין מדבר?!

באקענט אייך פונדערנאנט מיט די מכת-חשך אידן מיט זייערע רבי'ס וואס זענען פארבליבן אין מצרים / **פארוואס לאכן זיי פון משה רבינו?** / זייער שיטות אין מיינונגען פארוואס זיי ווילן נישט נאכגיין די אמת'ע צדיקים. 12

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת בא תשפ"ה • 253



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069




## באַ'גנבֿ'טע שטאלץ
4


## מיר טוען נישט האלטן!
16


## רעסעפי
29

10 מעשה פון תפילה
14 היכל הלכה
23 ברסלב'ע שטוב
35 קינדער בלעטל


## זמנים
באַ ג' שבט

הדלקת הנרות .. 04:55
מוצאי שבת ...... 06:26

**מנחה מעריב**
פרשת בשלח
06:10









# בנין "היכל הקודש" ברסלב באומאן

# אומאן ראש השנה תשפ"ו

**מיט'ן אייבערשטנ'ס גרייטן מיר זיך אויף אומאן ראש השנה תשפ"ו, פאלגענד זענען די אנווייזונגען ווי אזוי צו באקומען א בעט אינעם בנין פאר דעם קומענדיגן יאר**

**איינשרייבן:** זיך איינצושרייבן און צוזאמשטעלן א שטוב, רופט ר' מרדכי ראזענבערגער **845-825-3550**. מען קען ארייגעבן א גרופע פאר א שטוב ביז ר"ח אדר, און מיט דעם רעזערווירן א בעט אינעם בנין.

**דעדליין:** דאס יאר דארף מען צאלן די גאנצע פרייז אויף איינמאל, מען וועט נישט קענען צאלן צוביסלעך. אויב מען צאלט ביז ר"ח סיון, האט מען די חזקה פון א בעט אינעם בנין.

**פרייזן:** ערשטע שטאק **$1,300**, צווייטע שטאק **$1,200**, דריטע שטאק **$900**, פערטע שטאק **$800**.

**באצאלן:** מען קען באצאלן ביי ר' מרדכי ראזענבערגער, און ביי ר' יחזקאל סאמעט **347-452-1936**, אין ארץ ישראל ביי ר' יצחק שמואל פרענקל **0548456150**, אין ענגלאנד ביי ר' שמחה בלאק **07388582855**.

**דער רבי זאגט: "ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, קיינער טאר נישט פעלן!"**

# היסטאריע בלעטער



## די באָ'גנב'טע שטאלץ!

**ש. צ. היסטאָריקער**

**באסטאן!**

אן אור אלטע שטאט, נאך פון פאר די פלאץ וואס האט געהייסן אמעריקע איז געווארן א לאנד, עס ווערט געשאצט אז מען האט זיך באזעצט אין באסטאן מיט אומגעפער פיר הונדערט יאר צוריק, וואס דאס איז א גרויסע זעלטענהייט פאר א שטאט אין אמעריקע.

זיי זענען געווען די ערשטע שטאט אין אמעריקע צו עפענען א 'סאבוועי', דאס איז א באן וואס זאל זיין אויסגעשטעלט צו נוצן בלויז אינעם שטאט אנצוקומען פון איין פלאץ צום צווייטן, האלב אונטער די ערד, און האלב אויף א שטאק ארויף העכער די פארנומענע גאסן, אנדערש ווי ביז דאן וואס מען פלעגט נוצן באנען בלויז אויף צו פארן לאנגע שטרעקעס.

זיי זענען געווען די ערשטע צו האבן דעם כבוד צו עפענען א געשעפט וואס האט געהייסן "דאנקין דאונאטס" וואס איז שפעטער צושפרייט געווארן איבער דעם לאנד (פארוואס זענט איר יעצט ווייטער הונגעריג?).

די קערנדלעך פאר די אמעריקאנע רעוואלוציע איז געווארן איינגעזייעט דא אין באסטאן. טאקע דא ביים באסטאן ברעג האבן אין איין פינסטערער נאכט זיך צוזאמגענומען הונדערטער אמעריקאנע פאטריאטן און אריינגעווארפן הונדערטער קעסטלעך טיי אינעם ים אריין, מיט דעם ארויס צו ווייזן א פראטעסט קעגן די בריטישע הערשאפט, וואס דאס איז געווען איינע פון די זאכן וואס האבן געפירט צום קריג פון זעלבסטשטענדיגקייט וואס האט זיך געענדיגט מיטן געווינס פון די פאראייניגטע שטאטן, און אזוי איז געבוירן געווארן די לאנד אמעריקע.

וואס נאך? זיי האבן אויך געהאט די ערשטע טשאקאלאדע פעקטארי. אזא כבוד...

יעצט אזוי, איינע פון די זאכן מיט וואס אמעריקע איז באקאנט, איז די וויקענד, דאס הייסט אז סוף וואך ארבעט מען נישט. אין א לענגערע שמועס קען מען רעדן פארוואס די וויקענד איז געגרינדעט געווארן און מיט וועלכע ציל און אזוי ווייטער.

אבער אזוי ווי מען ארבעט נישט דארף מען דאך האבן וואס צו טון, מאכן א שבת סעודה איז דאך נישט שייך פאר גוים, און גיין באזוכן די עלטערן אויך נישט (אויב זיי ווייסן ווער זייערע עלטערן זענען).

ממילא גייען זיי הוליענען. יעדע שטאט איז באקאנט מיט זייערע ספעציעלע איינריכטונגען צו פארברענגען די טעג און נעכט.

באסטאן - זייענדיג אזא היסטאריש אלטע שטאט - איז באקאנט מיט אירע מוזיעמ'ס, היסטארישע אלטע באקאנטע מוזיעמ'ס. מען קומט זיך צוזאם און מען צאלט געלט, מען קען האבן די 'זכי' צו זען גאר אלטע זאכן...

אזוי האבן זיך אין באסטאן שוין מיט גאר אסאך יארן צוריק געעפנט גרויסע מוזיעמ'ס אז דער עולם זאל האבן וואו צו שטופן די צייט אין די לאנגע וויקענדס.

אבער דאס איז נישט אלעס, אין באסטאן האט מיט יארן צוריק געוואוינט איינער מיטן נאמען 'גארדענער', דער גארדענער האט געגליכן מאלערייען און האט געהאט אסאך געלט, אבער נישט סתם מאלערייען, גארדענער האט געגליכן גאר אלטע מאלערייען וואס זענען ווערד מיליאנען דאלארן א שטיק.

לאמר אייך מסביר זיין אביסל ווי אזוי מאלערייען ארבעט פאר מיר קענען גיין ווייטער.

עס זענען פארהאן געוויסע גאר בארימטע היסטארישע מעלער וואס האבן געלעבט הונדערטער יארן צוריק, ווי למשל, רעמבערענט, וואן גאך, וויניער און נאך.

פון די מעלער וואס איך האב אייך יעצט אויסגערעכנט, זענען איבערגעבליבן פון יעדע איינס פון זיי עטליכע צענדליגע מאלערייען וואס זענען ווערד יעדעס איינע פון זיי צענדליגער אדער הונדערטער מיליאנען דאלארן. די מאלערייען ווערן גערופן אויפן נאמען פונעם מעלער ווי צום ביישפיל א 'רעמבערענט' מיינט א מאלעריי וואס איז געמאלן געווארן דורכן מעלער מיטן נאמען רעמבערענט, און עס ווערט גערופן מיט די נעמען פונעם מאלער און צוגאב צום נאמען פונעם פעינטינג. די מאלערייען וואס זענען געמאלן דורך א באקאנטע מעלער זענען ווערד, טאקע ווייל זיי זענען געמאלן געווארן דורך די גרויסע נעמען.

דער גארדענער פון באסטאן האט געגליכן די גאר טייערע מאלערייען וואס מען צאלט מיליאנען פאר יעדע איינס פון

זיי, און אזוי האט גארדנער א גאנץ לעבן געזאמלט און צוזאמגעשלעפט א היפשע קאלעקציע פון היסטארישע זאכן. צווישן די מערסט באקאנטע זאכן וואס גארדנער האט איינגעשאפט אין זיין באזיץ איז געווען א מאלעריי געמאלן דורך ווענירער און די ווערד פון 250 מיליאן דאלער (שטעלט אייך פאר). ווי אויך האט גארדנער איינבאקומען צוויי רעמבערנטס, צווישן פארשידענע אנדערע טייערע זאכן.

אויב זענט איר א אידיש קינד קענט איר יעצט דאנקען דעם אייבערשטן אז ס'פאלט אייך נישט איין צו אראפווישן 80-90 מיליאן דאלער פאר א געמאלענע געקאטשקעטע בילד...

בעפאר גארדענער איז געשטארבן איז געשריבן געווארן א צוואה אז מען זאל בויען א מוזיעום און דארט איינלייגן אלע היסטארישע מאלערייען און ארטיפעקטן וואס גארדענער האט געזאמלט אין זיינע יארן, אזוי זאלן די מאסן פון באסטאן קענען קומען קוקן ווי די האן אין בני אדם אויף די היסטארישע זאכן...

וכך הוה, אין יאר תרס"ג למספרם 1903 האט זיך געעפנט די גרויסארטיגע גארדענער מוזיעום אין באסטאן, מען האט ספעציעל געלאזט בויען א בנין וואס זאל אויסקוקן אלטפארצייטיש און מען האט איינגעשטעלט אהין די גאנצע קאלעקציע פון גארדענער. צווישן די זאכן וואס האבן באקומען א פראמינענטן ארט אינעם מוזיעם איז געווען די מאלערייען פון רעמבערענט, און די איין מאלעריי וואס גארדנער האט פארשאפט פון ווענירער. די פעינטינג פון ווענירער האט אזוי ווי אלע טייערע שטיקלעך באקומען א נאמען און געהייסן 'ווענירער, דער קאנצערט'. און דאס איז געווען דער קרוין פונעם גארדענער מוזיעם.

אזוי איז די מוזיעם אנגעגאנגען פאר אכציג יאר. און דאן איז געקומען די אינצידענט וואס האט אויפגעשאקלט די וועלט.

ס'איז געווען א וואך נאך פורים תש"נ 1990 למספרם, ווען אינמיטן די נאכט האבן צוויי חברה וואס האבן אויסגעזען ווי פאליציי לייט געקלינגען די בעל, זיי האבן געזאגט פארן וועכטער וואס איז געזעצן דארט אז זיי זענען געקומען אויספארשן א באריכט אז איינער אינעם מוזיעם מאכט גערודער, איינמאל דער וועכטער האט זיי אריינגעלאזט האבן זיי געקייטלט די וועכטער און זיי אראפגעפירט אינעם בעיסמענט, דאן האבן די 'פאליציי לייט' זיך ארומגעדרייט ווי ביים טאטן אין וויין גארטן, זיי האבן אראפגענומען די טייערע מאלערייען פון די ווענט און האבן געוויסע מאלערייען אראפגעשניטן און איבערגעלאזט די פרעים, ווי אויך מיט נאך אנדערע היסטארישע זאכן. נאך א שעה האבן זיי אפגעיאגט פון געגנט מיט א געשאצטע 500 מיליאן דאלער ווערד פון היסטארישע מאלערייען, אין דעם איז געווען אריינגערעכנט די צוויי רעמבערענט'ס און דעם טייערן ווענירער.

דעם קומענדיגן צופרי' ווען די סעקיוריטי גארדס פון בייטאג זענען אנגעקומען און זיי האבן געטראפן די ביינאכט חברה צוגעבינדן האבן זיי שנעל גערופן פאליציי, זיי האבן געזען די חורבן וואס די גנבים וואס אנגעמאכט, זיי האבן זיך דערזען אינגאנצן אויסגעזעקלט, די שטאלץ פונעם מוזיעם, די טייערסטע זאכן זענען נישטא מער. די מצב האט אויסגעזען היפש שלעכט.

וואס האט פאסירט ווייטער איז גאר אינטערעסאנט, אנשטאט צו פארמאכן דעם מוזיעם און זיך אפווישן די נאז, האבן זיי דערקלערט אז זיי ווילן זיך נישט לאזן פון די גנבים, און כדי צו בארערן גארדענער ווילן זיי ווייטער האלטן אפן דעם מוזיעם געהעריג ווי ביז יעצט, מיט די אלע מאלערייען וואס זענען נאך פארבליבן, און מיט די ליידיגע פרעימס (זע בילד).

די מאלערייען וואס זענען דעמאלטס גע'גנב'ט געווארן זענען נאך ביז היינט נישט געפונען געווארן, מען האט קיינמאל נישט געכאפט די גנבים, ווי אויך האט מען קיינמאל נישט געטראפן קיין שום שפורן וואו מען קען אנהייבן זוכן די מאלערייען, דער מוזיעם האט ארויסגעשטעלט א צען מיליאן דאלער באלוינונג פאר ווער ס'קען העלפן טרעפן די גניבה. אבער ס'איז נאך קיינמאל נישט געפונען געווארן (ווען זיי ווייסן ווען פון תפילה וואלטן זיי דאס שוין לאנג געקענט טרעפן).

אבער זיי האבן זיך נישט געלאזט, און אזוי נישט מיר נישט דיר גייט דער מוזיעם אן שוין פינף און דרייסיג יאר מיט א שטארקייט, אָן זייערע טייערסטע מאלערייען.

נישט נאר דאס, נאר די מוזיעם האט געלאזט הענגען די ליידיגע פרעימס פון די גע'גנב'טע פעינטינגס וואס די גנבים האבן איבערגעלאזט, צו ווייזן פאר אלע אז יא, מען האט אונז בא'גנב'עט אבער מיר גייען ווייטער מיט א שטארקייט.

***

טאקע דאס שטייט אין עצתו אמונה יעדע וואך.

דער יצר הרע דארף נישט דאס וואס ער האט דיר בא'גנב'עט!

יא, ער האט אפגעפוצט מיט דיינע טייערסטע זאכן, ער האט דיר גוט געמאכט בכעס, ער האט אפגעיאגט פון דיר מיט א שחרית, א מנחה, אבער נישט דאס האט ער געוואלט.

ער האט געוואלט פארמאכן דיין געשעפט, ער האט געוואלט דו זאלסט דערקלערן אז ס'איז דערנאך, ער האט געוואלט אז דו זאלסט אפמאכן אז 'איך וועל שוין קיינמאל נישט זיין ערליך'.

ווייל דאס איז וואס ער וויל, נישט די גניבה איז וואס איז געלונגען, נאר דער בא'גנב'טער איז דעם אויף ווען מען קען ארבעטן נאך א גניבה אז ער איז א דורכפאל, און אזוי אינגאנצן פארכאפן.

דאס האב איך מיך געלערנט הלכה למעשה פונעם גארדענער מוזיעם אין באסטאן.

אפילו מען האט זיי בא'גנב'עט מיט דאס טייערסטע וואס זיי האבן פארמאגט האבן זיי נישט צוגעמאכט, זיי גייען ווייטער אן מיט א שטארקייט ביז היינט, און אפילו "יעדער" ווייסט אז זיי זענען נישט וואס זיי האבן געהאט אמאל, דאך זענען זיין נאך אפן פאר ביזנעס.

ס'הענגט נאך די ליידיגע פרעימס פון די בא'גנב'עטע בילדער ביז היינט, און זיי האבן נאכנישט אויפגעגעבן צו צוריקבאקומען די גניבות, זיי האפן אז איין טאג גייט מען טרעפן די מאלערייען, און עס וועט צוריק ליגן אינעם מוזיעם מיט פראכט און שיינקייט, אבער זיי זענען נישט געבליבן שטיין ביי דעם, נאר זיי גייען ווייטער אן און געבן נישט אויף.

האסט נעכטן נישט געעפענט קיין חומש, ווער נישט פון דעם צובראכן, קענסט נאך היינט עפענען א חומש און לערנען אפאר פסוקים, דאס צוקנאקט דעם יצר הרע - דעם גנב אינגאנצן. ער האט געמיינט אז דו גייסט מער נישט עפענען דעם חומש, משניות, גמרא, דו גייסט מער נישט קומען אין שול, אבער ניין, דו לאזט זיך נישט, נאר אזוי קען מען געווינען. באניץ זיך מיט וואס דו האסט נאך יא!

# היכל הקודש
# נייעס



בית שמש

## פרישע בית המדרש היכל הקודש אין בית שמש רמה ב'

פרייליכע נייעס הערט מען פון שטאט בית שמש נאכדעם וואס מען האט געעפענט די וואך א צווייטער בית המדרש היכל הקודש בית שמש.

דעם ערשטן בית המדרש געפונט זיך אין די געגענט פון רמה ב' וואסו דער בית המדרש שיינט און בליעט, מען איז זיך מחזק צוזאמען מיט די לעכטיגע עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס.

אבער אזוי ווי בית שמש איז גאר גרויס, איז ממש נישט מעגליך צו גיין צופיס פון איין געגענט ביזן אנדערן, עס איז נעמט צו גיין פון רמה ב' ביז רמה ד' א שעה אהאלבאנדערטהאלבן,. במילא האט מען קודם אנגעהויבן זיך צאמקומען אין א שטוב פאר שלש סעודות. אזוי איז אדורך א שטיק צייט, עס איז אלץ צוגעקומען פרישע אינגעלייט מיטצוהאלטן שלש סעודות, מען האט זיך דערזען אז ס'איז שוין געקומען די צייט צו עפענען א געהעריגע שטיבל, וואו מען זאל קענען דאווענען שבת אלע דריי תפילות ווי עס דארף צו זיין מיט הרחבת הדעת.

מען האט אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן א צוגעפאסטן שטיבל געאייגענט פארן בית המדרש. שכח אייבערשטער נאך א שטיק צייט האט מען אפיר געטראפן א שטיבל וואס איז געווען ביז יעצט א פלאץ וואס מען האט געהאלטן סחורה פאר א שמש שטיבל פון א בית המדרש. מען האט זיך אוועק געזעצט מיט זיי און געשריבן מיט זיי א קאנטרעאקט צו דינגען דעם בית המדרש.

גלייך נאכן חתמ'נען האט מען זיך גענומען צו די עבודה פון אהערשטעלן דעם בית המדרש עס זאל ראוי פארן באניוץ פון א בית המדרש צו קענען דארט דאווענען. די חשובע אינגעלייט האבן אויסגערייניגט דעם פלאץ פון אלע חפצים וואס איז דארט געליגן, דערנאך האט מען זיך גענומען צו פאררעכטן אלעס וואס ס'האט געדארפט ווערן פאררעכטן, מען האט איבערגעפרישט דעם פלאץ אין אפארגעצייילטע טעג.

ברוך השם פארגאנגענעם שבת וארא האט מען זיך געקענט אריינציען אינעם נייעם שטיבל, ווי עס איז אדורך א הערליכע שבת צוזאמען, מען האט זיך מחזק געווען צוזאמען. אזוי אויך האט מען פארגעלייענט דעם בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן ספעציעל צום עפענונג פונעם נייעם בית המדרש. מיר ברענגען אראפ א קליין שטיקל דערפון: איך זאג ענק וואס מוהרא"ש האט אונז געזאגט ווען מיר האבן געעפנט די שול אין וויליאמסבורג, און די ישיבה, און די מוסדות: "אויב וועט זיין ליבשאפט צווישן אייך - וועט ענק קיינער נישט קענען שלעכטס טון און עס וועט זיין גרויס הצלחה"; דאס זאג איך אייך אויך, אויב וועט זיין ליבשאפט צווישן אייך, קיינער וועט נישט זוכן צו טרעטן אויף א צווייטן, מען וועט קומען אין שול מיט ליבשאפט, מיט שמחה - וועלן ענק זייער מצליח זיין, די שטיבל וועט ארויסגעבן א שיין אויף די גאנצע געגנט, רמה ד' אין בית שמש. עד כאן.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער בית המדרש זאל זיין א לעכטיגקייט פאר די גאנצע געגענט ארום, אלע זאלן וויסן אז אויב מען דארף חיזוק קען מען עס דארט טרעפן.

איבער
# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## זאלץ און שניי

### שאלה

**א גרויסע שניי האט זיך אראפ געלאזט אויף אונזער געגענט, און האט איבערגעלאזט א הערליכע ווייסע צודעק. בשעת'ן שניי זעט מען די טראקס פון די שטאט פארט ארום און שפרייט אויס זאלץ אויף אלע גאסן, און די שניי פון די ראודס ווערן צולאזט, און איך וואונדער מיר וויאזוי ארבעט דאס?**

**ש. דרעזנער**

### ענטפער

מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז די שניי וואס ער געבט אונז איז ווייס, אזוי שיין, לעכטיג און הערליך, שטעלט זיך אייך פאר ווען שניי זאל ווען זיין סיי וועלכע אנדערע קאליר, עס וואלט געווען אזוי אומעטיג און אומבא'טעמ'ט.

לאמיר פרובירן ארייינצוגיין אין די וועלט פון די אייז, אריינקריכן טיף צווישן די פיצעלע טראפקעלעך ("מאלעקיולס" אין די סייענטיפישע שפראך) וואסער וואס איז יעצט אייז. די טראפקעלעך וואסער ווען זיי ווערן קאלט שפארן זיי זיך איין איינער מיט'ן צווייטן, זיי כאפן זיך גוט אן אזוי ווי קינדער וואס פארבינדן איין לעגא שטיקל מיט'ן צווייטן.. דאס זעען מיר אלס "אייז". ווען מען לייגט צו זאלץ ("סאדיום") צו וואסער, איז עס אזוי ווי מען שטיפט אריין אויל צווישן איין שטיקל וואסער אינעם צווייטן, און די וואסער קען זיך מער נישט אזוי גוט אנכאפן און ברעכן זיך אפ איינע פונעם צווייטן, און ווערט "וואסער". אבער אויב ווערט צו קאלט, אונטער 15 פערנהייט (מינוס 9 צעלציוס), ווערט די זאלץ אליינס אויך פארפרוירן און עס העלפט שוין כמעט נישט.

יעדער פארשטייט אז פאר א טאפ זופ, לייגט מען צו א ביסעלע זאלץ און דער זופ איז א מחי', שטעלט אייך פאר - האט דער הייליגער רבי נתן געזאגט - אז מען זאל נעמען א טאפ זופ, און ארייינלייגן דערין אביסעלע וואסער, איז עס דאך נישט אין מויל צו נעמען. די זעלבע זאך האט ער געזאגט איז מיט התחזקות; א טאטע אדער א מלמד קען זיך וואונדערן פארוואס העלפט נישט מיין מוסר, פארוואס פיל איך אז איך רעד אייך צו א וואנט, זאגט אויף דעם רבי נתן, אז כדי דיין מוסר זאל האבן א גוטן טעם, מען זאל עס קענען אראפשלינגען מוזטו צושטעלן א טאפ התחזקות, ווייל אויב געבסטו פאר דיין קינד א טאפ מוסר, מיט א ביסעלע חיזוק איז עס נישט אין מויל צו נעמען, מען קען אויף דעם נישט מאכן קיין ברכה.

מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט אז היינט איז דער דור נאך אסאך מער הייקלסענסיטיוו פון רבי נתן'ס צייטן, היינט איז א טאפ חיזוק נישט גענוג, מען דארף טוישן די רעספעי, היינט דארף מען צושטעלן א טראק מיט התחזקות פאר יעדע לעפל מוסר, און מיט אסאך תפלות וועלן מיר זוכה זיין צו האבן וואוילע קינדער.

וואס טוט מען אז די טעמפעראטור ווערט זייער קאלט, האט אויף דעם דער אייבערשטער צוגעשטעלט אן אנדערע מינעראל מיט'ן נאמען קאלסיום קלארייד, קאלסיום (וואס זעט אויס ווי קליינע ווייסע באליס - אזוי ווי קאטעדזש טשיז) ארבעט אסאך בעסער און אסאך שטערקער ווי אייז, עס קען צולאזן שניי ביז אזוי נידעריג ווי 25 אונטער זיירא (32 מינוס צעלציוס) וועט עס נאך ארבעטן. אזוי אויך איז דא מאגניזיום קלארייד וואס ארבעט ביז 15 אונטער זירא.

גראדע נישט אין אלע פלעצער ניצט מען זאלץ פאר שניי, אין שטעטל וואס איז אין ליבערטי, ניצן זיי זאמד צו אויפלאזן די זאמד, די פראבלעם איז צווייפאכיג, איינס אז דאס ארבעט אסאך שוואכער ווי זאלץ, און צווייטענס אז דאס מאכט א געפערליכע בלאטע, מען מוטשעט זיך גאר שטארק דערמיט.

פון שפארן פאר וויכטיגע זאכן דערלייגט מען, אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג: "געבט פאר דיין ווייב געלט צו קענען קויפן די וויכטיגע זאכן אין הויז, דארשט שפארט מען נישט די געלט."

**הנותן שלג כצמר!**

## פנינים

# די ריכטיגע מסורה

דער ראש ישיבה לערנט אונז כסדר אז נאכגיין די ערליכע מסורה מיינט זוכן א צדיק, אן ערליכער איד וואס קען מיר העלפן און ווייזן א וועג ווי אזוי צו לעבן מיטן אייבערשטן, זיך פירן אויף די ערליכע תורה'דיגע וועג און טון די מצוות ה' מיט שמחה; דאס הייסט גיין אין די וועגן פון אונזערע עלטערן און זיידעס וואס האבן געזוכט און זיך געווייקט ביי א גוטער איד וואס קען זיי ברענגען נאנט צום אייבערשטן און צו קיום התורה והמצוות.

מיר האבן געהאט א זיידע הרה"צ רבי שרגא שמואל שניטצלער זצוק"ל, באקאנט אלס דער "טשאבער רב", מיר וועלן אראפברענגען אין קורצן זיין ביאגראפיע.

ער איז געבוירן סוף יאר תרמ"ט אינעם שטעטל דערעטשקע, אין אונגארן, צו זיין פאטער הרה"צ רבי ברוך יהודה זצוק"ל.

ר' שרגא שמואל האט פארלוירן זיין טאטע אלט זייענדיג דריי יאר, און ער איז געווארן אויפגעצויגן אין שטוב פון הרה"ק רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע, ווען ער איז אלט געווען אכט יאר איז הרה"ק רבי הירצקעלע נסתלק געווארן, דאן איז ער צוריק געפארן צו זיין היימשטאט דערעטשקע.

אלט זייענדיג עלף יאר איז ער געפארן לערנען אין די קאלוב'ע ישיבה, די ישיבה פון הרה"ק רבי מנחם בראדי זצ"ל, נאך צוויי זמנים איז ער אריין לערנען אין די ישיבה פון הרה"ק רבי יהודה גרינוואלד זי"ע, סאטמער רב, בעל מחבר ספר זכרון יהודה, וועם ער האט געהאלטן אלס זיין רבי מובהק. ער איז געווען זייער באליבט ביי זיין רבי'ן, רבי יהודה גרינוואלד, ער פלעגט אים רופן מיט ליבשאפט "מיין קינד", און אזוי ווי רבי יהודה גרינוואלד האט ל"ע נישט איבערגעלאזט קינדער, האט ער באשטימט צען תלמידים וואס זאלן האלטן די יארצייט פון אים און די רביצין, און דער זיידע איז געווען איינע פון די צען תלמידים, ער האט דאס אנגעהאלטן מיט מסירות נפש ממש ביז זיין פטירה, ער פלעגט האלטן די יארצייט פון זיין רבי'ן און די רביצין מיט דאווענען פארן עמוד, לערנען משניות, זאגן קדיש און צינדן א ליכט לעילוי נשמתם.

ער האט חתונה געהאט מיט די באבע בלומא ע"ה, טאכטער פון הרה"צ רבי שלום גרינפעלד זצ"ל רב פון יארמע. זיין רבי, רבי יהודה גרינוואלד האט זייער געוואלט קומען צו זיין חתונה און זיין דער אונטערפירער (סיי דער חתן און סיי די כלה האבן שוין נישט געהאט קיין טאטע), אבער צוליב זיין שוואכקייט האט ער זיך נישט געקענט באטייליגן, אנשטאט איז הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע געווען אונטערפירער ביי די חופה וואס איז פארגעקומען אין שטאט יארמע.

נאך די חתונה האט אים זיין רבי איבערגעבן דאס רבנות פאסטן אין א שטעטל נאנט צו סאטמער, "פארטיאלמא-טיוקאד", וואו דער זיידע האט געדינט אלס רב פאר צוויי יאר. אזוי ווי עס איז געווען א קליינע שטאט, האט דער זיידע נישט געהאט גענוג אויף צום לעבן פון די ארעמע געהאלט, ער האט געוואלט אויפגעבן דאס רבנות דארט, אבער זיין רבי האט אים גע'עצה'ט ער זאל זיך לערנען שחיטות ובדיקות, און ער האט געפאלגט, און נאך א שטיק צייט וואס ער האט זיך דערלערנט די מומחיות פון שחיטות ובדיקות איז ער געווארן צו אננעמען דאס רבנות שטעלע אינעם עיר ואם בישראל פישפיקלאדאן יצ"ו.

ער צוזאמען מיט די באבע האבן עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף גאר א ברייטן שטייגער, זיי פלעגן צוטראגן חלות און עסן פאר ארעמע משפחות, און אזוי ווייטער, פאר די באבע איז נפטר געווארן האט זי געבעטן מחילה פונעם זיידן אויף דעם וואס זי האט אסאך מאל פארטיילט צדקה פאר ארעמע משפחות און אים פרעגן פאר דעם...

דורכאויס די צווייטע וועלט מלחמה האט ער מיטגעמאכט דעם שרעקליכן גורל פון די אייראפעישע אידנטום אין לאגער בערגן בעלזן, ער האט נעבעך פארלוירן ביי די מלחמה צוויי טעכטער מיט זייערע משפחות וואס זענען ליידער אומגעקומען עקד"ה אין אוישוויץ, הי"ד.

עס ווערן דערציילט אסאך וואונדערליכע מעשיות אויפן זיידן וואס ער האט דורכגעלעבט דורכאויס די מלחמה, איינע פון די מעשיות איז די באקאנטע חנוכה מעשה, וואס דער מנהל התלמוד תורה ר' מרדכי שליט"א האט דערציילט חנוכה פאר די קינדער אין חדר, און לכבודו וועלן מיר דאס דא אראפברענגען.

געווען איז דאס ווען מען איז אנגעקומען נאך לאנגע וואנדערנישן אין איינע פון די לאגערן אין בערגן בעלזן, אלע העפטלינגען האבן באקומען א בעט, און אויף דעם איז געווען א זאק שטרוי וואס דאס האט געדארפט זיין די מאטראץ אויף וואס צו שלאפן... פארן נעמען די בעטן האט מען אלעמען באפוילן ארויסצוגיין אינדרויסן אויסלופטערן די זאק שטרוי.

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

פלוצלונג האט דער זיידע באמערקט א קליין קריגעלע אויל, דערנעבן זענען געליגן צאמגענומען גלעזלעך און קנויטן, גרייט צו צינדן די הייליגע חנוכה ליכט... א נס וואס דער זיידע האט באצייכנט מעין די נס חנוכה.

נאך א חקירה ודרישה איז דער זיידע דערגאנגען אז די מנורה, די גלעזלעך און קנויטן האט זיך דארט אנגעגרייט דער הייליגער רבי פון סאטמער זכותו יגן עלינו צו קענען צינדן דערמיט די חנוכה לעכט, אבער ער האט שוין געהאט פארלאזט די לאגער עטליכע טעג פאר דעם און ער האט דאס געטראפן...

דער זיידע האט אנגעצינדן די מנורה אין לאגער, וואס האט אנגעצינדן א פינק פון אמונה און האפענונג אין די הערצער פון די טויזנטער אידן אין לאגער.

נאך די מלחמה איז דער זיידע צוריקגעפארן צו זיין וואוינשטאט פישפיק-לאדאן, אבער נאך א קורצע צייט איז די באבע נפטר געווארן, א קורצע צייט שפעטער, אין יאר תש"ו, נאכן חתונה האבן מיט זיין צווייטע רביצין, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט בעקעש-טשאבא יצ"ו.

צום גדלי' תשי"א איז דער זיידע אנגעקומען קיין ארץ ישראל, ער האט זיך באזעצט אין ירושלים עיה"ק, און לויט די הוראה וואס ער האט באקומען פון הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט ער נישט אנגענומען קיין רבנות פאסטן, נאר געדינט דעם אייבערשטן פאר זיך, אויף א פריוואטע פארנעם.

במשך די צייט איז דער זיידע געווארן באוויסט אלס א פועל ישועות, און ער האט געגעבן אסאך סגולות וכו', ווי אויך האט ער זייער אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א גרויסער פארנעם, ער איז נפטר געווארן ז"ך תשרי, תש"מ, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

איך האב זיך אלץ געוואונדערט, ווי אזוי האט דער זיידע זוכה געווען צו האבן אזויפיל אייניקלעך און אור-אייניקלעך, און אור-אור-אייניקלעך ברסלב'ע חסידים?

אין דעם בלעטל וואס איר האלט יעצט אין די האנט האבן א חלק לכל הפחות פיר אור-אייניקלעך פון דעם זיידן; צוויי מענער שרייבערס, איין פרוי שרייבערין, און דער וואס שטעלט אויס די קינדער אפטיילונג.

מיין זיידע, הרה"צ רבי שלום זצ"ל, טשאבער רב פון לאנדאן האט געהאט דריי קינדער, צוויי טעכטער און איין זון, מיין




טאטע שליט"א. פון מיין טאטע'ס משפחה זענען עטליכע קינדער און אייניקלעך מקורב צום הייליגן רבי'ן און זענען עוסק אין הפצה והדפסה, און נאך פארשידענע הילף אין קהילת היכל הקודש. איין טאכטערס גאנצע משפחה זענען ברסלב'ע חסידים, און פון די אנדערע טאכטער, וואס זיי זענען גור'ע חסידים, פארן עטליכע קינדער און אייניקלעך צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה קיין אומאן.

אזוי אויך פון די אנדערע קינדער פונעם זיידן זענען דא נאך אסאך אור-אייניקלעך און אור-אור-אייניקלעך וואס זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, און קומען ראש השנה צום הייליגן רבי'ן אויף אומאן

דורכאויס די צייט וואס מיר האבן געארבעט אויף דעם הערליכן "תודה והודאה" קונטרס, וואס איז ארויסגעקומען לכבוד חנוכה די יאר, האבן מיר בהשגחה פרטיות געטראפן בילדער פון א ספר ליקוטי מוהר"ן וואס האט געהערט צום זיידן, עס האט זיין זיגל, און אן אינטערעסאנטע זאך זעט מען דארט, אז ביי תורה ב' אין חלק ב', וואו דער רבי רעדט פון די סגולה פון זאגן מזמור לתודה, האט דער זיידע צוגעשריבן "וזה בדוק ומנוסה", (און ווי באוויסט פלעגט ער געבן דעם סגולה פאר פארפעלקלער צו מאכן שמחות בנקל ובנחת).

דער זיידע איז געווען א בעלזער חסיד, ער פלעגט פארן יעדע שבת שירה צו הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און ער האט זיך מוסר נפש געווען אויף דעם, אויך איז ער געווען א שטארקער חסיד פון הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, אבער ער האט געלאזט זיינע קינדער גיין צו צדיקים וואס זיי האבן געשפירט ברענגט זיי צום אייבערשטן, ער האט געהאט א זון וואס האט געלערנט אין מונקאטש, אזוי אויך האט ער געהאט א זון וואס איז געווען א חסיד פונעם הייליגן רבי'ן פון סאטמער זכותו יגן עלינו (הגם דער זיידע פלעגט זעלבסט אריינגיין צום רבי'ן יעדעס מאל ער איז געקומען אויף אמעריקע), ביי אים אין די משפחה האט געהערשט א הארמאניע, מ'האט זיך חס ושלום נישט געקריגן און נישט פאליטיזירט.

אפשר איז מעגליך אז דער זיידע (און אויך אייער זיידע) האט געהאט א שייכות מיטן הייליגן רבי'ן, אויף א פארנעם וואס ער האט קיינמאל נישט דערציילט? אפשר האט ער מתפלל געווען אז זיינע דורות זאלן האבן א שייכות מיטן הייליגן רבי'ן? אלנפאלס, ער האט אונז איבערגעלאזט א מסורה פון לערנען דעם רבינ'ס ספרים, און פון גיין צו א צדיק וואס קען מיר אריינשיינען אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט און לעבן מיט דעם.



# מעשיות פון תפילה

## לייבי אפפעל

קרית ברסלב

איך בין איינגעשטאנען ביי מיין טאטאן אויף עובה, און אינמיטן שבת האט די בוילער געסטאפט צו ארבעטן. צוביסלעך איז געווארן מער און מער קאלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די בוילער זאל צוריק אנהייבן צו ארבעטן. מוצאי שבת האט מען אנגעהויבן צו קוקן פארוואס די בוילער ארבעט נישט, אבער מ'האט נישט געכאפט די פראבלעם, מ'אט ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זען פארוואס ס'ארבעט נישט.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט האט מען געטראפן דעם פראבלעם, מ'האט עס פארראכטן און ס'האט אנגעהויבן ארבעטן א מחי'.

## פנחס דוד וועבערמאן

קרית ברסלב

איך האב געוואלט פארן צו קאנאדא זיין ביי מיין שווער אויף שבת, נאכן נישט דארט זיין א לאנגע צייט.

די GPS האט מיר געגעבן א אנדערע וועג וואו מען פארט געווענליך, איך האב נישט געוויסט אויב איך זאל טאקע נעמען דעם וועג, ווייל איך וויל נישט דארפן פארן אסאך לענגער ווי מען פארט געווענליך.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואו צו פארן, אויך איך זאל אים פאלגן און גיין פון יענעם וועג אדער נישט.

למעשה זענען מיר געפארן אויף דעם וועג וואס ער האט געוויזן אז מען דארף פארן, און ברוך השם מען איז אנגעקומען בשלום אין צייט און געהאט א שיינעם געשמאקן שבת.






# אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען!

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ הֶער בָּרוּךְ ה' יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב" דִי שִׁיעוּר פַאר אִינְגֶעלַייט פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ פוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף בְּעֵזֶר ה' צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.**

**עֶס אִיז אָבֶער דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר, אִיךְ לֶערְן גֶעוֶוענְלִיךְ דִי מִשְׁנַיוֹת אִין מַיינֶע לֵיידִיגֶע צַייטְן, אָדֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אָבֶער יֶעדֶעס מָאל נָאכְ'ן לֶערְנֶען שְׁפִּיר אִיךְ אַז דָאס בְּרֶענְגְט מִיר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק.**

**אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא,**
**רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער בְּלִימוּד הַתּוֹרָה; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם צִי דוּ הָאסְט הֲנָאָה פוּנֶעם לֶערְנֶען אָדֶער נִישְׁט. זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דוּ וֶועסְט זֶען וָואס וֶועט גֶעשֶׁען צוּ דִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אִין גַן עֵדֶן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן אוּן עֶר לֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר מִינוּט נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ' אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַסַאךְ לֵיצָנוּת, מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם, מֶען זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב, זִיךְ פַארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין גְמָרָא וְכוּ', וְכוּ'; מֶען נַארְט זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי צַוָואָה (צַוָאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

געדאנקען

# דיין קאזין גייט אין מדבר אריין?!!!

די גאנצע ענין פון די "מכת-חושך" אידן וואס האבן געלאכט פון משה רבינו איז עפעס א וואונדערליכע סוגיא, וואס וויפל מ'זאל רעדן דערפון איז נישט גענוג.

משה רבינו טענה'ט פארן אייבערשטן צו פרובירן מאכן בעסער פאר אידן, און ער האט באקומען א עונש אז ער גייט נישט אריין קיין ארץ ישראל, אזוי ווי חז"ל זאגן אופ'ן פסוק "עתה תראה" יעצט וועסטו זען די גרויסע נסים ביי פרעה, אבער די נסים ביים אריינגיין קיין ארץ ישראל וועסטו נישט זען.

דערנאך קומען די שיינע אידן, און זענען מסביר פאר משה רבינו אז ער איז גורם אז פרעה זאל TREAT'ן די אידן ערגער ווי פריער, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "אשר הבאשתם את ריחינו בעיני פרעה ובעיני עבדיו לתת חרב בידם להרגנו". און דאס דארפן מיר חזר'ן טאג איין טאג אויס.

אין יעדן דור איז דא א צדיק וואס איז זיך מוסר נפש צו דערמאנען אידן אז דו האסט נאך א תקנה, דו ביסט נישט פארפאלן, דו וועסט באלד ווערן אויסגעלייזט פון דיינע פראבלעמען און פון דיין יצר הרע, דער אייבערשטער האט נישט פארגעסן פון דיר, אלע דרוקעניש'ן וואס דו גייסט אדורך, איז געמאכט אז דו זאלסט נאך אביסל רעדן צום אייבערשטן, אז דו זאלסט דיך דערמאנען אז ס'איז דא א זיסער לעכטיגער באשעפער וואס האט דיך אראפגעשיקט דא צו די שווי, שאפן גוטע ביזנעס דיעלס אז ווען די שווי ענדיגט זיך און דו גייסט "אהיים" זאלסטו האבן פרנסה בשפע פאר דיין נשמה פאר אייביג, לנצח נצחים, (פרנסה מיינט אויך געבן צו עסן, אזוי ווי מ'זאגט הזן ומפרנס, דער אייבערשטער שפייזט, אזוי דארף דער מענטש איינהאנדלען אסאך שפייז, אסאך קעש, דא ביי די שווי, און "אהיימברענגען" אז ער זאל נישט דארט הונגערן).

אזוי ווי מענטשן גייען יאר יערליך צו א קאנסטראקשן שווי, אדער א דזשולערי שווי,



אדער סיי וואספארא שווי, און א גאנץ יאר האט ער ביזנעס פון די דריי טאג ביי די שאו, אזוי האבן מיר דארט שפייז אויף אייביג פון די זיבעציג יאר ביי די שוי וואו מ'כאפט אריין תפלין, ציצית, תהלים, צדקה, מעביר סדרה זיין, גמרא, און משניות.

אין יעדן דור איז דא א צדיק וואס איז מעורר אז מ'דארף כסדר בעטן דעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער איך וויל זיין גוט, (עיין בלשון קדשו מרבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, שמות תשכ"ז, אות פ"ח, "טאג און נאכט זאל מען מתפלל זיין צום באשעפער אז מ'זאל ניצול ווערן פון די כוחות היצר").

און אין יעדן דור איז דא נעבעך מענטשן וואס זייער גאנצע זאך איז אוועקמאכן דעם צדיק וואס געבט אלעס אוועק צו דערמאנען מענטשן אז מיר זענען דא אויף א שוי, כאפ אריין, געב א פעני פאר צדקה, רעד א ווארט צום אייבערשטן, זאג א קאפיטל תהלים, געב א גוט ווארט פאר דיין ווייב/מאן/קינד (טאטע, מאמע, מקוה-איד, קאווע-גבאי א.א.וו.).

די שיינע באקוועמע מכת-חושך אידן האבן נישט קיין שווערע ארבעט, אדרבה, די צדיקים וואס דערמאנען פון דעם אייבערשטן, ווערן נעבעך הייזעריק, פון צופרי ביז ביינאכט, און די מכת חושך-אידן מיט די זיסע בא'טעם'טע שמייכל, געבן נאר דעם בחור'ל א פרעג אזוי אומשולדיג, אזוי אונטער די נאז, מיט א פרומע מינע פון א תמימות'דיג צוויי יעריגס, פשי! איך זע דו לערנסט פלייסיג, בחור'ל, פשי! דרייסיג בלאט אין איין טאג?! פשי! אזא התמדה האט מען נישט געזען ביי גרויסע לייט! פשי! ס'מוז זיין אז דו האסט א בעסערן קאפ ווי אדמו"ר פלוני און רעבעלע אלמוני!

און דער בחור'ל געבט זיך א דערשרעק פון דעם שמייכלדיגן רוצח, און ער מאכט צו די תענית גמרא, און גייט ווייטער קוקן די (ריקעדיגע) בילדער אין די קליינע מאשינקעלע וואס איז אזוי פיצל אז ער קען עס אפילו האלטן אין זיינע מלא לוגמיו ווען דער פעטער ציפט אים

**משה אריה שניצלער**

דאס בעקל אז די שכינה רוט אויף אים. אבי זיין טאטע און זיין מנהל און פארמיטאג-נאכלויפער און נאכמיטאג-נאכלויפער און נאכט-סדר-נאכלויפער שווערן זיך ביי פרעה'ס בארד אז דער בחור האט בכלל נישט פון די שעדליכע כלים.

מיר דארפן גוט געדענקען אז יעדע מאל וואס מיר הערן א דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס דערמאנט אונז, רעד צום אייבערשטן, זאג משניות, רעד שיין צו דיין ווייב און קינדער, איז שוין דא עפעס א מכת-חושך איד וואס געבט אזא זיסע צוקערדיגע אומשולדיגע חוזק שמייכל אז מיר זאלן אפלאזן די משניות, מיד ווערן פון רעדן צום אייבערשטן, און מסביר זיין פאר די ווייב אז זי האט די זעלבע OCD מחלה ווי איר עלטער עלטער פעטער, און די זעלבע ABC, KGB, CIA, UPS, GPS, FBI ווי איר דריטע קאזין.

די סכנה פון די מכת-חושך אידן איז גרעסער ווי מען מיינט, קיינער וועט נישט זאגן פאר א בחור'ל "הער אויף צו זאגן גמרא", ער וועט אים נאר זאגן "דו ביסט דאך נישט פון די שוואכע, דו האסט דאך א גוטן קאפ, דו קענסט דאך לערנען אביסל טיפער" (דו קענסט דאך לערנען טיפער ווי דער הייליגער רבי האט געהייסן פאר דעם הייליגן רבי נתן וואס האט געקענט אויסנווייניג יעדן תוספות אין ש"ס).

דער עולם האט מסתמא זיך גע'טענה'ט אויף הויכע טענער אז די מכת חושך רעבעלער האבן אסאך גרעסערע פארענטשעס ווי משה רבינו! און זיי זענען געווען גערעכט!

מיר מוזן גוט געדענקען אז ווען משה רבינו האט ארויסגענומען פון מצרים אונזערע עלטערן, זעקס הונדערט טויזנט ערליכע אמונת-צדיקים'דיגע אידן, זענען דארטן אויסגעשטארבן ביי מכת חושך איבער צוויי מיליאן אידן וואס האבן געלאכט אז אונזערע עלטערן כאפן נישט אז דאס איז נישט די "עכטע" וועג, זיי האבן געהאט גאנצע ראיות ברורות אז די וועג פון ארויסגיין מיט'ן צדיק אין מדבר אריין איז בכלל נישט די "עכטע" וועג, ס'איז צו פשוט, צו יאנטשי, צו פלאטשיג.

לויט טייל דיעות אין חז"ל זענען די מכת חושך אידן געווען נישט 2.4 מיליאן, נאר א קנאפע דרייסיג מיליאן אידן! און דער עולם האט מסתמא זיך גע'טענה'ט אויף הויכע טענער אז די מכת חושך רעבעלער האבן אסאך גרעסערע פארענטשעס ווי משה רבינו! און זיי זענען געווען גערעכט!

אויך די ארומיגע משפחות פון די זעקס הונדערט טויזנט, די ברודערס און קאזינס און אזוי ווייטער האבן געהאט גרויסע בושות אין ביזנעס פון די שכינות'דיגע ביזנעס אסאסיעיטס, די אמוריים און די כנעניים, די פלשתים און הפריזי והגרגשי, און די עליטע קלאסישע דויטש-רעדנדיגע עמלקים, מיט נאך און נאך ארומיגע פאליטישנס און פארשטייערס און אלצוויסערס. מ'האט זיי געפרעגט, ס'איז אמת אז דיין קאזין גייט אין מדבר אריין?!!!! יויש!!!!! אליין? (דא אין מצרים זעמיר נישט אליין, מ'האמיר דעם אללללא-אכבאר טעראריסט דא נעבן אונז טיר ביי טיר) אין מדבר?! אויף וועמענס אחריות טוט מען אזאנס?! דהיס איז קרעיזי!!!!

די איבער צוויי מיליאן צוקערדיגע אומשולדיגע מכת-חושך גוטסקייטן, זענען נישט געשטארבן סתם אזוי אין מכת חושך, נאר האבן איבערגעלאזט תלמידים וואס מאכן זיכער ארומצוגיין זאגן פאר קליינע בחורים מיט א גרויסע יצר הרע אז זאגן משניות הייסט נישט געלערנט.

די ברסלב'ע חברה ווענלן ווייטער ארומלייגן הפצה קארטלעך ארויס צו שלעפן נאך א איד פון די גמרא'לאזע אללא-אכבאר נעיבערהוד, צום בארג סיני, צו זאגן גמרא יעדן טאג אין לעבן.

שכח אייבערשטער אז אונזערע עלטערן האבן זיך נישט דערשראקן פון די יויש-קוויטשקענדיגע מכת-חושך עלטער-מומע וואס האט אפגעהאקט מיט אונזער זיידן פאר אביוז'ן די קינדער מיט'ן גיין אין מדבר מיט'ן צדיק הדור וואס האט געזאגט "עדיין חביבותיה גבן" דער אייבערשטער האט דיך ליב! דו קענסט צוריק קומען צום אייבערשטן, פארגעס וואס איז געווען! הייב אן זאגן "הייליגער באשעפער איך וויל צוריק קומען צו דיר".



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ג סעיף י"ד

**מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר ווייטער מיט די הלכות פון הלכות שבת.**

**הקדמה קצרה:** אויב מ'האט געדאווענט מעריב פונעם פלג און ווייטער האט מען יוצא געווען [148] סיי אינדערוואכן און סיי שבת, כאטש לכתחילה דארף מען דאווענען נאכן צאת הכוכבים אזוי ווי ס'שטייט אין שו"ע סימן רל"ג (זע הערה).

בימי הגמרא - שו"ע, איז נישט געווען קיין זייגער, מילא טאג/נאכט האט מען געוואוסט דורך קוקן אויפן הימל, און מ'האט געזען די זון, די לבנה. האט געקענט פאסירן אז אין א פארוואלקנטע טאג זאל זיך דאכטן אז ס'איז שוין נאכט ווען באמת איז נאך געווען טאג.

מילא זאגט דער מחבר אויב מ'האט געדאווענט מעריב בטעות, מיינענדיג אז ס'איז שוין נאכט, און באמת איז נאך געווען פארנאכט אבער נאכ'ן פלג, דעמאלט איז דא א חילוק צווישן א יחיד און א רבים, א רבים האט מען נישט מטריח געווען איבער צו דאווענען, און זיי האבן יוצא געווען מעריב, אבער א יחיד דארף יא איבער דאווענען אפילו ס'איז געווען נאכן פלג! [149]

די זעלבע הלכה איז אויך לגבי מלאכות, אז א ציבור וואס האט געדאווענט האבן זיי מקבל שבת געווען און זיי מעגן נישט טון קיין מלאכות, אבער א יחיד איז מותר צו טון מלאכות, [150] [ביז אהער איז נישט אזוי שכיח היינטיגע צייטן, ווייל ס'איז דא זייגער'ס]

ביז אהער האמיר גערעדט אז מ'האט מקבל שבת געווען בטעות דורך דאווענען, אדער דורך זאגן אז מ'איז מקבל שבת, אויב אבער מ'האט מקבל שבת געווען בטעות דורך א מעשה ווי למשל דורכ'ן צינדן [151] איז עס אביסל הארבער, און ס'קען זיך מאכן, למשל מ'קוקט אויפן לוח און מ'האט זיך צומישט מיט די פרשה, און מ'האט געמיינט אז ס'איז שוין דער זמן, און מ'כאפט זיך אז ס'איז נאך דא צייט צום זמן, אין אזא פאל וועט דער הלכה זיין אזוי:

**צ)** אויב מ'האט געצונדן נאכן פלג בטעות, און ס'איז פארן זמן, לכתחילה זאל מען נישט טון קיין מלאכות, [152] אבער אויב ס'איז דא עפעס א צורך - אדער בשעת הדחק, [153] קען מען זיך פארלאזן, אז אפילו מ'האט געצינדן מעג מען טון מלאכות.

***

**שאלה: מעג מען שארן די שניי שבת, דא אין שטעטל?**

**תשובה:** דארט ווי מ'קען זיך אויסגליטשן, [01] מעג מען שארן די שניי אפי' מיט א שאוול, [02] אבער נאר ווי ס'איז אויסגעפלאסטערט - ס'איז דא פעיוומענ"ט, [03] [פארשטייט זיך די היתר איז דארט ווי ס'איז דא אן עירוב] דארט ווי ס'איז נישט אויסגעפלאסטערט מעג מען נישט, אבער דורך א גוי מעג מען יא. [04]

## מקורות והערות

(148) בשו"ע או"ח סי רל"ג סעי' א, כ' המחבר, דיש לעשות תמיד כחד מנייהו, דהיינו או שמתפלל מנחה לפני הפלג, אזי יכול להתפלל מעריב אחר הפלג אפי' לפני הצאת, או שמתפלל מנחה אחר הפלג, אזי יתפלל מעריב אחר הצאת, ובמשנ"ב סקי"ד איתא, ודע מהמחב' ורמ"א משמע דלדידן דנוהגים להתפלל מעריב אחרת צאת הכוכבים מותר להתפלל מנחה אפי' אחר השקיעה עד סמוך לצאת הכוכבים עי"ש. אבל בדיעבד כ' המחב' ורמ"א שיצא בכל אופן, ובערש"ק יותר קל, וכדאיתא בסי' רס"ז סעי' ב' במשנ"ב סק"ג, וז"ל ויש אומרים דבציבור יש להקל להתפלל מעריב מבעוד יום, אף אם מתפלל מנחה אחר פלג המנחה - דרך החיים (דין ערבית של שבת ס"א) ואף דמשנ"ב עצמו אינו מסכים עמו להלכה, עכ"פ לבדיעבד בוודאי יכולים לסמוך

(149) ב"היכל הלכה" פר' ויגש הארכנו בטוטו"ד למה אפי' בדיעבד לא יוצא. (150) במג"א סקכ"ו בציבור אסור בעשיית מלאכה - דלא כדעה קמייתא המובא בשו"ע, דמלאכה הן ציבור והן יחיד מותרים וכן כ' באשל אברהם בשם א"ר, וכן פסק משנ"ב בסקנ"ו

(151) מח' סעי' י"ד וז"ל וי"א שאותם שהדליקו נרות אסורים בעשיית מלאכה, ושאר אנשי הבית מותרים. (152) כי כן נקטו הפרמ"ג (א"א סקכ"ז) והדרך החיים (דין אימתי מתחיל מלאכה בעש"ק ס"ד) הובא בבאור הלכה ד"ה אסורים

(153) כי כן פסק הטו"ז סק"א, וכן כ' במשנ"ב וז"ל (סקנ"ו) ובמקום הדחק יש לסמוך על דעה קמייתא שבשו"ע - דהיינו דעה א' בשו"ע אינו מחלק בין קבלת שבת ע"י ציבור או ע"י מעשה בכל אופן אינו מקבל שבת בטעות

01 דאל"ה כ' במשנ"ב סקמ"א, בשם א"ר כשאפשר בלא טורח יש להזהר ע"ש.

02 במשנ"ב סקל"ב כ' דאף אם יזובו קצת מים עי"ז לא נתכוון לזה, ועוד שהולך לאיבוד.

03 דאי לאו הכי, יש איסור של אשוויי גומות כדאיתא בשו"ע, סי' של"ז סעי' ב', ע"ש במשנ"ב סק"ו עוד חששות, ואפי' את"ל דאצלינו בשטעטל רוב ריצפות בשוק אינו מצורף לכאורה אסור, אפי' היסו דמרוצף, כדאיתא ברמ"א סעי' ב' ואפי' כמו שמצדד הבאור הלכה ד"ה ויש, דכשרוב בתים מרוצף יש להקל, אבל כאן כאמור אינו כן? כבר פסק הגרשז"א ז"ל (בשש"כ פר"ג הע' י') דהוי ידונו בהמשך הבית ע"ש

04 דאפי' אי הוי פס"ר כבר נפסק כמה פעמים, דפס"ר בגוי מותר עי' סוף סי' רנ"ג ברמ"א סעי' ה', וכן במג"א סי' רע"ו סק"י.

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
718-387-2691
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

# קוק אהער

## האלט! מיר טוען נישט האלטן!

נא וואס האלטסטו?

איך? איך בין נישט קיין האלטער!

איך פאר מיך אויף א פיינע מיטל ווינטער וואקאציע, איך גיי זיך גיין אויסלופטערן מיין מח, אוועק פון די האָ האַ, צו א ווארימע מקום - א פלאץ ווי קיינער קען מיך נישט, איך גיי זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות.

איין שיינעם טאג גיי איך ארויס שפאצירן אין גאס, די מחשבות פליען, ס'איז ליידיג, קיינער איז נישט דא, און איך קוק מיך ארום אויף די אינטערעסאנטע קולטור פון די פלאץ ווי איך בין געפארן, אלעס איז דא זייער אינטערעסאנט און אנדערש ווי איך בין צוגעוואוינט.

אזוי זיך דרייענדיג קום איך אן צו זייער א מאדנע און אינטערעסאנטע געשעפט, דאס איז עפעס וואס איך האב שוין ווייטער נישט געקענט גיין, איך האב זיך געמוזט אפשטעלן און אריינגיין..

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט פאר פורים: "ס'פעלט נישט אויס מ'זאל אים ברענגען פענסי משלוח מנות... וואס וועסטו מיר ברענגען א האלטער? נאך פורים דארף איך גיין איינקויפן א האלטער פאר אלע מיינע האלטערס... איך האב נישט וואס צו טון מיט די אלע האלטערס..."

איך בין אנגעקומען דא צו א געשעפט, די הויפטקווארטיר פון אלע האלטערס!

אויב זוכט איר א האלטער וואס איר וועט קענען האלטן אין דעם סיי די וועלכע האבן יא געהאלטן און סיי די וועלכע האבן נישט געהאלטן, דאן קויפט אייך אן האלטער וואס וועט זיך גאר לאנג האלטן!

איך מוז דאס אויסטשעקן....

איך גיי אריין אין סטאר און ממש אזוי, די ווענט מיט אלעס ארום זענען באצירט מיט כל ערליי מיני האלטערס וואס קענען האלטן אלע סארטן זאכן....

איך זע באקסעס אויף דער ערד, פרעג איך דעם סוחר וואס האלט אויף די געשעפט פון האלטערס "פארוואס זענען די האלטערס דא אזוי פארשעמט אויף דער ערד?"

"אההה די האלטערס פרעגסטו...... מ'האט נישט געהאלטן פון זיי! "

"ווי אזוי הייסטו?" פרעגט מיר דער סוחר "וואו וואוינסטו?"

"אין קרית ברסלב ליבערטי"

"אזוי?"

"דו ביסט א תלמיד פון דער ראש ישיבה?" אההה קום נאר אהער איך מוז דיר ווייזן א ספעציעלע צימער דא פון אונטער דעם געשעפט וואו מיר האלטן אויף א ספעציעלע פראדוקט נאר פאר ענק ברסלב'ע!

איך גיי אים נאך ביז צום סוף געשעפט, ער עפנט אויף א שמאלע טירל און טראגט מיר דורך דעם מילד באלאכטענעם קארידאר, ער ווייזט מיר מיט די הענט, קום קום....

איך גיי אים נאך צושטייטלעך, איך פרוביר זיך אויסצו'משל'ן וואספארא פראדוקט האלט ער אויף דא ספעציעל פאר די ברסלב'ע חסידים??? איך קען נישט אנקומען צו קיין שום מסקנות, וואס קען דאס שוין זיין צי איך מיך די פאה מיט גרויס נייגער..

דער געשעפטסמאן עפנט אויף א ריזיגן גאראדזש טיר, און ס'אנטפלעקט זיך א סצענע פון טויזנטער טויזנטער אידן. דער סוחר געבט א שריי אויס "ער איז א תלמיד פונעם ראש ישיבה ער וואוינט אין ליבערטי!"

און אלע צוזאמען מיט א כאר מיטן זעלבן טאָן זאגן "אהההההה אזווווייי מיר האלטן זייער שטארק פון דיין ראש ישיבה - אבער...."

"מיר וואלטן אלע היינט געמופט אויף ליבערטי - אבער...."

"איך וואלט שוין אהינגעשיקט מיינע קינדער לערנען - אבער...."

"די גאנצע זאך פון חתונה מאכן אינג, מיר האלטן פון דעם - אבער...."

"און דאס האלט שוין יעדער איינער אז מען דארף חתונה מאכן פאר ביליג - אבער....."

אוי באשעפער טראכט איך צו מיר - יא איך האב זיך אביסל פאר'דמיונ'ט און אוועקגעפלויגן צו א לאנד וואס איז נישט דא, און קיין געשעפט וואס בוודאי עקזיסטירט נישט, אבער דעם לעצטן חלק פון די אלע אידן וואס האלטן אזוי שטארק פונעם ראש ישיבה - אבער....

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



דאס איז יא אמת ויציב. אזוי ווי איר טייערע ליינער ווערן אליינס קענען מעיד זיין וויפיל פון אייערע ידידים, שכנים, משפחה, און חברים האבן אייך געזונגען דעם ניגון.

"נאכאמאל, ענקער ראש ישיבה טוט אויף זאכן וואס קיינער קען נישט - אבער...."

אויב אזוי וואס איז די חילוק פון מיר און דיר ביז אים?

איין ווארט "אבער"!

דאס מיינט אמונת חכמים, אמונת צדיקים, איך פרעג נישט "אבער", מיר אינטערעסירט נישט "אבער", קלוגער בין איך נישט, פארשטיין פארשטיי איך נישט בעסער, און וואס יענער וועט זאגן שפילט זיכער נישט קיין ראלע....

איין וואך בין איך געווען אין ביהמ"ד היכל הקודש אין בארא פארק ביי שלש סעודות, דארט האט הרה"ח ר' דניאל בוים שליט"א געזעדט פייערדיגע דיבורים און זייער שטארק מעורר געווען אויף עטליכע נקודות, ער האט שטארק ארויסגעברענגט אז ס'איז גארנישט ווערד זיך סתם דרייען אין היכל הקודש נעבן תלמידי היכל הקודש, אויב לעבט מען נישט מיט די לימודים פון היכל הקודש, אויב פאלגט מען נישט דעם ראש ישיבה..

אויך האט ער זייער שטארק מעורר געווען צו לערנען מיטן הייליגן רבינ'ס סדר דרך הלימוד וואס דאס איז א דבר השוה לכל נפש פון דעם גרעסטן עילוי ביזן גרעסטן עם הארץ, יעדער קען דורכן דרך הלימוד זוכה זיין צו ענדיגן כמה פעמים כל התורה כולה. ר' דניאל האט געזאגט אז ווען מ'לערנט אויפן סדר דרך הלימוד און מ'פארשטייט נישט זאל מען טענה'ן מיטן אייבערשטן אז דער רבי האט דאך צוגעזאגט אז ממילא יבין, 'אייבערשטער איך וויל פארשטיין העלף מיך' און דאס וועט זיכער ארבעטן, דו וועסט פארשטיין. סגיות וואס קוקן אויס ווי בערג וואס מ'קען נישט איינעמען, וועלן מיט אמאל אנהייבן ווערן לייכטע געשמאקע סגיות..

ר' דניאל האט נאכגעזאגט פון מוהרא"ש ז"ע אז "וארא" איז ראשי תיבות "אני ראשון ואני אחרון" האט מוהרא"ש געזאגט דאס מיינט אז יעדער איינער גלייבט, אלע אידן האבן טאקע אמונה, אבער ביי איינעם וואס איז מקורב צום צדיק איז "אני ראשון" דאס ערשטע איז דער אייבערשטער, נאר דער אייבערשטער קען העלפן, נאר דער אייבערשטער וועט העלפן, נאר דאס איינע עצה איז פארהאן..

אבער ביי א איד וואס איז נישט מקורב צום צדיק איז עס "אני אחרון", יא זיכער האט ער אמונה, אבער קודם א קאנסאלטענט, אן אינוועסטער, א טעראפיסט, א דאקטער, א שליח, א מבין.... א מעטאד, ליצנות ל"ע, א ציידע, א פעטער, א שוואגער פון זיין ברידער, א שכן, א יודע ספר, א טעראפיסט וואס איז נישט באמת א טעראפיסט נאר ער פארשטייט צו א נפש נאטורליך בהסכמת הרבנים הגאונים שליט"א...

ערשט נאכדעם ווען אלעס העלפט אויף טויטע כפרות, אה דערמאנט ער זיך פונעם תהילים'ל, מ'קען אויך בעטן דעם אייבערשטן..

יא יא אלע האבן אמונה, אבער "אני ראשון ואני אחרון" איינער ליגט אין אים דעם גאנצן מהות אייבערשטער אייבערשטער, און איינער וועט זיך צום סוף דערמאנען אייבערשטער אייבערשטער....

וואויל איז אונז אז מיר לעבן מיט א צדיק - אז מיר זענען דבוק אינעם אייבערשטן - אז מיר הייבן נישט אן דעם טאג אן זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן און זיך לאזן פירן פונעם באשעפער. מיר פרעגן נישט קיין קשיות און דארפן נישט וויסן דעם "אבער..." מיר וויסן אז "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין און שום מציאות בלעדיך יתברך כלל" איך האב נישט קשיות אויפן אייבערשטן און אויף צדיקים.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# א מעשה
## פון א צדיק

# נִישְׁט וֵוייטוּן אַ צְוֵוייטְן

אִין דִי צַייט וָואס דֶער הֵיילִיגֶע יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט אוּהֶעל, אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ אוֹיפְרוּף פַאר צְוֵויי חֲתָנִים - צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אֵיינְס אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינִיקְל פוּנֶעם יִשְׂמַח מֹשֶׁה רֶבִּי יְקוּתִיאֵל יְהוּדָה, דֶער הֵיילִיגֶע יֵטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי צְבִי הִירְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה פוּן לִיסְקָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי מִנְהָג אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַז שַׁבָּת אוֹיפְרוּף רֶעדְט דֶער חָתָן אַ דְּרָשָׁה.

צוּ עֶרְשְׁט הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן יֵטֶב לֵב צוּ זָאגְן זַיין דְּרָשָׁה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינִיקְל פוּנֶעם רָב פוּן שְׁטָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה.

אוּן פַאר רֶבִּי צְבִי הִירְשׁ דֶער הֵיילִיגֶער אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג.



עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּן דֶער הֵיילִיגֶער יֵטֶב לֵב שְׁטֶעלְט זִיךְ זָאגְן אַ טִיפְזִינִיגֶער שִׁיעוּר בַּדְּרוּשׁ אוּן פִּלְפּוּל, קְלָאר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, דֶער עוֹלָם הָאט מוֹרָא'דִיג הַנָאָה גֶעהַאט אוּן אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג דִי צַייט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה דַארְף גֶעבְּן זַיין שִׁיעוּר, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן קוּמֶען גֶעבְּן אַ דְּרָשָׁה, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן.

אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַאמֶע - וַוייל זַיין טַאטֶע הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט - פְרֶעגְן "וואוּ אִיז אַייעֶר זוּן? מֶען וַוארְט אוֹיף אִים? אֶפְשָׁר וֵוייסְט אִיר וואוּ עֶר אִיז? וואוּ בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ? אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר פּוֹעֵלְן בַּיי אִים עֶר זָאל קוּמֶען גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר?"

הָאט זִי גֶעעֶנְפֶערְט: "הֶערְט אַייךְ צוּ, אוֹיבּ מַיין זוּן הֶערְשְׁל בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן וִויל נִישְׁט קוּמֶען גֶעבְּן אַ דְּרָשָׁה, מִן הַסְתָּם אִיז דָא אוּנְטֶער דֶעם גָאר אַ גוּטֶע סִיבָּה!"

הֶערְשְׁט נָאךְ שַׁבָּת אִיז מֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען גֶעבְּן אַ דְּרָשָׁה?

הָאט דֶער אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה גֶעעֶנְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, טָאמֶער אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטֶעלְן גֶעבְּן אַ דְּרָשָׁה, אִיז דָא מֶעגְלִיכְקֵייט אַז מַיין שִׁיעוּר וֶועט זַיין שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וִוי רֶבִּי יְקוּתִיאֵל יְהוּדָה'ס דְּרָשָׁה, וֶועט עֶר הָאבְּן חֲלִישַׁת הַדַעַת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן, וַוייל עֶר אִיז אַ בְּנָן שֶׁל קְדוֹשִׁים אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם רָב, נוּ! אִיז וָואס פֶעלְט מִיר דָאס אוֹיס זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ וֵויי טוּן אַ אִיד, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר וִוי אֵיידֶער וֵויי טוּן אַ אִיד"!

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: זֶעט מֶען פוּן דָא וִוי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּטוּן אַ אִיד, מֶען קוּקְט אַוֶועק פוּן זִיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן יֶענֶעם!

**(שיחות מוהרא"ש חלק טז' ערך כבוד הבריות)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ק"ה

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן כַאפְּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי'ן, מִיטְ'ן פְּלַאן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן, אָבֶער מִיט אַ גָאס רֶעגְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁפֶּעט קַיין בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיינֶע בִּיטֶערְנִישְׁן.
דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייער מְחַזֵק גֶעוֶוען.
רֶבִּי נָתָן הַאלְט זִיךְ אוֹיף בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב פַאר דְרֵיי וָואכְן, בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה.

אִין דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אִים גָאר אַסַאךְ, עֶר הָאט מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן אִים מַדְרִיךְ גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר אִיז דֶעמָאלְט אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג.

אֵיין מָאל אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט דֶעם סֵפֶר "שִׁבְחֵי הָאֲרִיזַ"ל", עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּן רֶבִּי'ן צוּ בָּארְגְן דֶעם סֵפֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים עֶס גֶעבָּארְגְט.

וֶוען עֶר הָאט עֶס שְׁפֶּעטֶער צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט?", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דָארְט אַז רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין בַּיי זִיךְ, אוּן וֶוען עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, הָאט דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ שֶׁעצְן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן, "אִיךְ וֵוייס דָאךְ בַּיי מִיר וִוי נִידְרִיג אִיךְ בִּין, פַארְוָואס מַאכְט מִיר דֶער רֶבִּי אַזוֹי גְרוֹיס?", הָאט אִים דֶער אֲרִיזַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט, "בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, אִין דִי דוֹרוֹת פַאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט, קֶען מֶען מִיט וֵוייניג פְּעוּלוֹת אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא". [עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא רַבִּי עֲקִיבָא, וַוייל סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אַז רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל הָאט גֶעהַאט דִי נְשָׁמָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא].

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נָתָן, "אָט דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט". וַוייל רֶבִּי נָתָן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, אַ שָׁפָל וְסַבְלָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ מַמָשׁ אַ שְׁטִיק בְּלָאטֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים כְּסֵדֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ נֶעמֶען, עֶר הָאט אָבֶער מוֹרָא גֶעהַאט צוּ פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אִים אַזוֹי אוֹיף אִין דִי צַייט וָואס עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וֶוער עֶר אִיז וְכוּ', אוּן מִיט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אִים דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן.

דֶעמָאלְט, אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִיךְ בִּין אַ שֵׁיינֶע בּוֹים, גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע בּוֹים מִיט הֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע צְוַוייגְן, אָבֶער אוּנְטְן לִיג אִיךְ מַמָשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד"

גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוּת, צַעַר אוּן יִסוּרִים, וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעלִיטְן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן אוּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן. גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט זַיין וַוייבּ אִים גֶעוָוארְפְן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן אִיר גֶעשֶׁעפְט, זָאגְנְדִיג אַז זִי קֶען מֶער נִישְׁט שְׁטֵיין אַלֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט נִישְׁט וֶוער סְ'זָאל פִירְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת. זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים מֶער נִישְׁט הֶעלְפְן, וַוייל עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ יֶעדֶע עוֹל פוּן עוֹלָם הַזֶה, אוּן עֶר הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין הוֹיז, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין צוּ זַיין זֵיידֶע, זַיין מַאמֶע'ס טַאטֶע, וָואס עֶר הָאט אִים יָא מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס




מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמואל גליקמאן הי"ו**
**וזוגתו רויזא תחי'**

**צו די נייע מיידל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון עוזר מיטטעלמאן הי"ו**
**וזוגתו ניחא תחי'**

**צו די נייע אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן יצחק אפפעלדארפער הי"ו**
**וזוגתו דבורה שיינדל תחי'**

**צו די בר מצוה פון אשר אנשיל נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.



בחור כהלכה
מ. י. ט.
ר"ת
משה יוסף טייטלבוים
מ. י. ט.
רש"י
בר מצוה ספעשל
$299
מ׳קען זיך אויסוועלן סיי וועלעכע
וועלוועט און סיי וועלעכע קאליר
אויף דער דיזיין
CUSTOM
SHOWROOM
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11219
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
*sruliHeskel

# אנשי שלומינו זענען ממלא

## ציפערן פון די קארידארן פון קרן הדפס

**1,500,000**
**קונטרסים**
געדריקט דורך די יארן

**15,000**
**יו עס בי״ס**
זענען מחיה
אידישע קינדער

**3,900,000**
**גליונות**
פארטיילט דורך מפיצים

**260,000**
**עצתו אמונה׳ס**
האבן שוין באלאכטן
די וועלט

**3,000**
**אידן**
באזוכן די
וועבסייט א חודש

**497**
**סארטן**
אייטעמס
אין סטאק

**10,000**
**צוהערער**
רופן אריין די
האטליין חודשליך

א

*sruliHeskel

א נאכט פאר
אנשי שלומינו
וואס זענען ממלא
רצון צדיק!




מוצ"ש פרשת יתרו

THE HCS RESORT

פרטים יבואו

# רצון צדיק

## סה היכל הקודש

**50,000**
**סידו'ס**
באלייכטן
אידישע שטיבער

**72,000**
**דיקע ספרים**
אפגעדריקט

**38,000**
**מעשהלעך סעריא**
ווערן פארצייט
איבער די גאראר וועלט

לעידיס אקזילערי פרעזענטירט:

# מוסדות פארטי

אין די לאנגע ווינטער נעכט, לאמיר זיך אויפפרישן אינאיינעם ביים יערליכן



- CLASS PICTURES
- EXCITING RAFFLES
- LIGHT REFRESHMENTS
- DOOR PRIZES
- BEAUTIFUL GIFT for $180 and up

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Liberty: **Monday Feb 10** מאנטאג יתרו | Williamsburg: **Tuesday Feb 4** דינסטאג בשלח | Boro Park: **Tuesday Feb 4** דינסטאג בשלח | Monroe: **Wednesday Feb 5** מיטוואך בשלח | Monsey: **Monday Feb 3** מאנטאג בשלח |
| Lakewood: **Monday Feb 3** מאנטאג בשלח | Linden: **Tuesday Feb 4** דינסטאג בשלח | Staten Island: **Tuesday Feb 4** דינסטאג בשלח | Jersey City: **Tuesday Feb 4** דינסטאג בשלח | Tosh: **Monday Feb 3** מאנטאג בשלח |

לעידיס אקזילערי
היכל הקודש ברסלב

dominogrp.com



פאר די
# ברסלב'ע
שטוב

**ג. פעקעטע:**
מיין מאן איז א
בעבי!

**לאמיר שמועסן:**
די בעסטע מתנה
פון מיין מאן

**רעסעפי:**
Ice cream
cookies

# דער הינדל מיטן אדלער אין מיסטקאסטן!

ש. טראכטער

# לאמיר שמועסן

**נאמען:** מרת ל.לב.

**וואוינארט:** באדיטשוב 7 ירושלים עיה"ק.

**קינדער:** שכח אייבערשטער איין לעכטיגער אינגעלע, מיט א ניי מיידעלע פון אפאר וואכן אלט.

**א ניגון וואס העפנט דיר די הארץ:** די ניגון 'אליין' פון דער ראש ישיבה שליט"א.

**א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן:** צופרי אין שטילע פלעצער.

**וואס גלייכסטו צו טון אין דיין ליידיגע צייט:** איך האב נישט קיין ליידיגע צייט. ווען עס פאסירט שוין יא איז מאכן שידוכים.

**דיין ציל אין לעבן:** צו האבן א פולע שטוב מיט שפרינגעדיגע לעבעדיגע קינדער מיט אסאך כח און געדולד צו זיי.

שכח אייבערשטער איך בין אויפגעוואקסן אין א פיינע חסידישע פאמיליע מיט איבערגעגעבענע עלטערן.

איך בין געווען א געזונטע שפרינגעדיגע מיידל מיט אן א שיעור איינפאלן מיט וואס זיך צו באשעפטיגן און מיט וואס צו באשעפטיגן אלע ארום מיר. מיין מח פלעגט אלץ זיין פארנומען מיט טראכטן, פלאנען, און אויס'משל'ען פארשידענע זאכן.

אזוי זענען אריבער מיינע מיידל יארן, אבער מיין נשמה האט געזוכט, געפאדערט, און געדארפט זאכן זיך אנצופילן. דאס האט מיר געמאכט זוכן און טאקע טרעפן א פלאץ וואס פילט מיר אן מיט סיפוק אין לעבן.

ווען איך בין עלטער געווארן בין איך אנגעקומען צו די שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א. איך האב באקומען אזא געשמאק אין כיבוד אב ואם און אסאך געהאלפן אינדערהיים מיט אלע קליינע געשוויסטער און מיט די שטוב ווערטשאפט.

איין ערב שבת האט מיין מאמע מיר געבעטן צו אויסגלאנצן די ספרים שאנק וואס נוצט אסאך געדולד. איך האב זיך אנגעצונדן א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א און אנגעהויבן די ארבעט. די שיעור האט גערעדט וועגן מכבד זיין טאטע מאמע אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט פאר דער ראש ישיבה שליט"א זאל רעדן יעדן טאג וועגן די הייליגע מצווה.

שכח אייבערשטער אז דער אייבערשטער האט מיר געשיקט מיין שידוך, און אזוי ווי יעדע פרוי קען מעיד זיין אז נאך א שידוך זעט מען שווארץ אויף ווייס וואס תפילה טוט אלץ אויף. אזוי אויך האב איך געזען ווי יעדע תפילה מיינע איז געווארן אנגענומען.

איינע פון די זאכן וואס איך האב אסאך געבעטן איך דעם איז אז איך וויל א ברסלב'ע שטוב. וואס הייסט א ברסלב'ע שטוב? דאס אז איך וועל זיך עקשנ'ען אז ווען מיר וועלן אפשר איין טאג קויפן א קאר זאל דארט הענגען א שמעקערל פון קרן הדפסה? אדער אז מיין גאנצע קלאסע זאל וויסן 'איך בין ברסלב'? אלעס פיין און וואויל, אבער איך האב געוואלט מיין שטוב זאל לעבן מיט די עצות פון דער הייליגער רבי ז"ע מיט זיינע תלמידים.

## ש.ח. שטעסל

שכח אייבערשטער היינט פיר איך א שיינע שטוב וואס לעבט אויף די הייליגע דיבורים פון אונזערע וועג ווייזערס.

איין זאך האט מיר נישט אויסגעזען אז עס גייט געשען טראץ מיינע אלע תפילות, אבער איך האב נישט אויפגעגעבן. וואס? דאס אז מיין מאן זאל פארן קיין אומאן אויף ראש השנה! אין די וועלט שפעט מען פון ברסלב אז מען לאזט איבער די ווייבער אליינס, אבער מיר ווייסן אז טאקע דער מאן פארט און מיר בלייבן אפאר נעכט אליינס מיטן באשעפער, אבער א גאנץ יאר האבן מיר א מאן אינדערהיים. דעריבער האב איך נישט אויפגעגעבן און ווייטער געבעטן אויף דעם.

צוויי יאר צוריק ערגעץ אין חודש אלול פרעגט מיר מיין מאן "וועלכע מתנה קען איך דיר קויפן לכבוד יום טוב?" איך האב זיך אנגעגארטלט מיט דרייסקייט און געענטפערט "מיין בעסטע מתנה וועט זיין אז דו וועסט פארן צו אומאן אויף ראש השנה. מסכים?" און ער האט געענטפערט "יא!" שכח אייבערשטער אז שוין צוויי יאר וואס מיין מאן פארט אויף ראש השנה צו אומאן טראץ די שווערע וועגן

שכח אייבערשטער אז דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו זיין א לערערין אין בית פיגא - ירושלים

איך ווייס נישט צו עס איז דא נאך אזא ריינע מוסד וואס די קינדער וואקסן אויף אזוי שיין ריין אפגעהיטן, מיט א ליבשאפט צו איידלקייט און צו די הייליגע תורה.

איך בין אזוי פריילין צו זיין א חלק פון די אמונה פאבריק וואו מען גרייט אן די קינדער פארן לעבן זיי זאלן זיין פריילין צו פירן א אידישע שטוב.

און אויך פיל איך ווי די שולע געבט מיר כח, איך גיי אהיים יעדן טאג אזוי אנגעפילט, פול מיט סיפוק פון זען ווי יונגע מיידלעך באקומען שוין פון יונגווייז אן די שכל וואס מען באקומט דא פון רעדן צו דער אייבערשטער און זאגן תהילים, ליב האבן דעם אייבערשטן, און העלפן אין שטוב. מיין קאפ און מח לויפט ארום א גאנצן טאג כמעט מיט די מחשבה: וויאזוי קען איך בעסער מאכן פאר מיינע תלמידות?

איך בעט כסדר פאר זיי און פאר זייער הצלחה איך פיל ממש ווי מיינע תלמידות זענען ווי מיינע אייגענע קינדער.

איך וויל זאגן פאר אלעמען, אז די וועג צו קענען פויעלן ביי די מאן, איז דורך תפילות, עס טוישט די טבע, און מען באקומען אלעס וואס מען דארף.

**שכח אייבערשטער..**

## א טיפ פאר די אידישע מאמע:

יעדע אידישע פרוי האט ליב ווען איר שטוב שמעקט גוט פון פיינע פרישע געבעקס. די רעצעפט גלייך איך זייער צו מאכן וועגן די שנעלקייט און געלונגענקייט. מישן לויטן סדר:2 גלעזער צוקער. 2 וואניל צוקער. 2 באק פודער. 1 גלאז קאקאו. 1 גלאז אויל. גוט אויסמישן. צולייגן: 2 גלעזער מעל. אויסמישן און צולייגן: 4 אייער. 1.5 גלאז וואסער. אויסמישן גוט און לייגן אין א מיטלמאסיגע טאוועלע. באקן 30 מינוט אויף 180 צעלסיוס\350 פערנהייט.

- מרת לב

ש. טראכטער



# דער הינדל מיטן אדלער אין מיסטקאסטן

א הונגעריגע הינדל דרייט זיך צווישן די מיסטן פון שטאט, זוכנדיג עפעס מיט וואס צו שטילן זיין הונגער. דרייט זיך דער הינדל אזוי פון איין מיסט קאסטן צום צווייטן ווען פלוצלינג ווארט אים אפ אן איבערראשונג. ער זעט פאר זיך שטיין דער מלך פון אלע פייגלעך, דער גרויסער, שיינער און מאיעסטעטישער אדלער..

"הו הא!" שרייט ער אויס מיט התרגשות, "אדוני המלך, היינט איז מיין גליקליכע טאג! איך גלייב נישט מיין גוט מזל, דו און איך דרייען זיך אין די זעלבע מיסט קאסטן?!"

דער גרויסער אדלער בליקט צום ארימען הינדל און קלערט צו זיך, "טאקע אזוי? ווי פאסט עס טאקע? איך קען זיך דאך נישט דרייען אין די זעלבע מיסטן ווי די ארימע הינדלעך..

ער הייבט אויף זיינע גרויסע פליגלען מיט א שטארקע גערויש און פליעט אוועק ווייט ווייט פונעם הינדל..

אויפצומארגנס דרייט זיך אונזער הינדעלע ווידער צווישן די מיסטן. אבער דאסמאל זיצט ער אינעם מיסטקאסטן אינדרויסן פון דעם גרויסן חתונה זאל פון אויסער'ן שטאט..

ער באלעקט זיך דארט מיט א פיינע סעודה'לע, ווען פלוצלינג הערט ער א גערויש העכער זיך. ער הייבט אויף זיינע אויגן און קוקט און שטוינט. ווידער האט ער די מזל אז דער מלך אליינס קומט פארברענגען מיט אים אינאיינעם..

"אדוני המלך" טשוויטשקעט די הינדל, "ווידער בין איך באגליקט צו שעפן חיות פון די זעלבע קוואל ווי דיר, אך ווי גוט איך שפיר."

ווידער קוקט זיך דער אדלער צו און טראכט צו זיך, 'נע, עס פאסט טאקע נישט. ווי קען איך א קינד פונעם קעניגליכן פייגל משפחה פארברענגען אין די מיסט מיט ארימע הינדלעך. ווי קען איך עסן פון די זעלבע מיסטן ווי זיי. אן אדלער עסט נישט פון די אפפאל. אן אדלער האט אנדערע סארט סעודות..

דאן האט זיך דער אדלער בארעכנט אז ער קען און ער מוז פליען צו אן ארט וואס איז העכער און ווייטער פון וואו דאס הינדעלע קען אמאל דערגרייכן..

ער האט אויסגעצויגן זיינע שיינע

פליגלען און איז פארשוואונדן געווארן צווישן די וואלקנעס.

...

דער משל געדענק איך פון איינע פון מיינע לערערינס. דער אדלער דאס זענען אידישע קינדער, די מלך פון אלע פעלקער. דאס הינדעלע, דאס איז די אומות העולם.

מאכט זיך אמאל וואס דער אדלער פארגעסט ווי ווייט אירע פליגלען קענען גרייכן, און זי זעצט זיך אריין אין מיסטקאסטן צוזאמען מיט די ארימע פייגלער. אבער מיר דארפן זיך כסדר אויפוועקן און דערמאנען אז "דו און איך קענען נישט פארברענגען אין מיסטקאסטן." א אדלער עסט אנדערע און בעסערע סארט שפייז. און אן אדלער קען אויפהייבן אירע פליגלען און פליען העכער און ווייטער ווי סיי וועלכע פייגל.

דורכאויס אונזער לאנגע גלות רייזע האבן מיר כסדר געהאט דעם נסיון נישט צו פארגעסן פון דעם ממלכת כהנים וגוי קדוש, צו געדענקען אז מיר זענען אנדערש, ספעציעל און העכער.

דורכאויס אלע צייטן האט דער שטן פרובירט אריינצודרינגען אינעם מחנה אלוקים, אין די אידישע געצעלט, אמאל דורך מוזיק, אמאל דורך ביכער, פעשין (מאדעס), טעכנאלאגיע און אידיעלאגיעס.

אבער דאס אידיש פאלק שווימט כסדר ארויף אזיוויי אויל, און מיר טיילן זיך ווידער אפ, נאכאמאל און נאכאמאל.

זייענדיג אין הויך-שולע האב איך געהאט א לערערין וואס האט אונז געלערנט די כללים פון די ענגלישע שפראך (גראממער).

פארשטייט זיך אז מיר געזונטע לעבעדיגע מיידלעך האבן נישט געהאט צופיל אינטערעס צו הערן פאר א שעה צייט די פונקטליכע אויסדרוק פאר יעדע סארט ווארט, און מיר האבן געזוכט עצות וויאזוי צו שטופן דעם שיעור.

איינע פון די געלונגענע טאקטיקן איז געווען אריינצושלעפן די לערערין אין א העפטיגע דעבאטע. מיר פלעגן פאראויס צוגרייטן שאלות, ערנסטע ספיקות וויאזוי אויסצושטעלן א זאץ, און אינאיינעם פלעגן מיר בדעה זיך קריגן צווישן זיך, ביז די לערערין האט געטראפן א פשרה וואס איז די גערעכטע וועג אויסצושטעלן די זאץ לויט די כללים.

איינמאל איז אונז בייגעפאלן אז מיר וועלן פרעגן די לערערין א באמבע שאלה.

ווי נאר די לערערין איז אריינגעקומען אין קלאס האט א מיידל אויפגעהויבן איר האנט און געפרעגט פון די לערערין, "וואס זענען מיר? אידישע אמעריקאנער אדער אמעריקאנע אידן?"

מיר האבן ערווארטעט א לענגערע שמועס און העפטיגע טענה'ריי, אבער די לערערין האט אונז איינגעשטילט און געגעבן איר ענטפער אין דרייסיג סעקונדעס, אבער עס איז געבליבן מיט מיר נאך יעצט, איבער צוואנציג יאר שפעטער.

"עס איז זייער פשוט. עס ווענדט זיך וויאזוי דו שפירסט. אויב שפירסטו מער אידיש, דאן ביסטו אן "אמעריקאנע איד" ווייל אמעריקאנע איז די adjective (די באפוצינג ווארט) וואס איז מסביר וואספארא סארט איד דו ביסט.

אבער אויב שפירסטו מער אמעריקאניש דאן ביסטו חלילה אן אידישע אמעריקאנער. דאס הייסט אז אידיש איז פשוט מסביר וואספארא סארט אמעריקאנע דו ביסט."

זי האט אונז מסביר געווען אז פונקט ווי עס איז דא א "ספרדישער איד, א תימנ'ער איד און א פוילישער איד, אזוי איז אויך דא אן אמעריקאנער איד. אבער אלע זענען אידן. מען איז פשוט מסביר פון וואו זיי קומען.

אבער גלייכצייטיג איז דא אן "אפריקאנער אמעריקאנער, א פראנצויזישער אמעריקאנער און להבדיל א אידישע אמעריקאנער."

און זי האט אויסגעפירט מיט וואס זי האט אנגעהויבן "וואס שפירסטו זיך? א אידישע אמעריקאנע אדער א אמעריקאנע איד?"

די שאלה באגלייט מיר נאך היינט און וועקט מיר אויף פון שלאף. בשעת די אמעריקאנע ווינט נארט און נארט און בלאזט א גייסט פון "יעדער און אלע" און איידער איך וויל איינגיין אויף א פשרה קומט מיר אויף אין געדאנק, "וואס ביסטו? אן אמעריקאנער איד אדער א אידישע אמעריקאנער?"

דער הייליגער רבי האט אונז שוין געלערנט "די וועלט נארט איין, לאזט זיך נישט נארן."

געדענק פון תכלית, געדענק און טראכט פונעם סוף, ווי יעדער קומט ענדגילטיג אן און וואס איז די אמת'ע אמת!

איינמאל געבנדיג א שיעור אויף די שיינקייט פון די אידישע לעבן, און איך האב מסביר געווען פאר מיינע תלמידות אז אויב זעט מען פונדערווייטנס פילע דיימאנטן און גלייכצייטיג אויך צובראכענע שטיקלעך גלאז, בליטשקעןביידע זייער שיין און עס איז שווער צו אפטיילן וואס איז וואס (נישט אומזיסט איז "קריסטאל-נאכט" ביים צווייטע וועלט מלמחה אזוי גערופן געווארן. דאס איז געווען ווען די רשעים האבן ליידער צובראכן אידישע געשעפטן און הייזער, אויסגעשאסן פענסטער און גלאז, און אנגעצינדן ליידער פיל פייערן. פונדערווייטנס האט נעבעך די צובראכענע גלאז אזוי שיין געגלאנצט אז זיי האבן דאס גערופן "קריסטאל נאכט...")

א תלמידה האט אויפגעהויבן איר האנט און געפרעגט, "און וואס טו איך אויב עס גלאנצט אבער יא? די צובראכענע גלאז זעט מיר אויס אזוי שיין?"

אן אמת'ע אויפריכטיגע שאלה וואס איינער האט געפרעגט און פיל אנדערע האבן געטראכט.

דער רבי ברענגט אין שיחות הר"ן סימן י"ט "איך האב זייער געגליסט אריינצוברענגען אין די וועלט צו טון למעשה."

דאס איז א מתנה וואס מיר באקומען ביים רבי'ן. מען הערט א שיעור, מען ליינט א שיינע ארטיקל און? וואס איז ווייטער?

ווייטער איז א תפילה. "באשעפער העלף איך זאל ליב האבן וואס דו האסט ליב."

די הערליכע סי.די. "מיין בעסטע פרענד" וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעגעבן איז פול מיט אט די תפילות.

די שיינע צניעות ניגון ווי מען בעט זיך "אוי די פריצות ברענט אין מיר... אוי באשעפער העלף מיר שוין, איידלקייט זאל זיין מיין קרוין...

ביי די ניגון פון די נעגל, "אייבערשטער איך וויל זיין פיין, אייבערשטער איך וויל זיין ריין..."

און ווייטער און ווייטער.... מען קען נישט מסביר זיין פאר די שכל אז די גוי איז מיאוס. נאר מיט תפילה איז מען זוכה צוביסלעך, צוביסלעך זיך אויסצושוווענקן די מח. יא... ברעינוואשן... אזויווי מען זאגט טאקע, אין ברסלב ווערט מען "געברעינוואשט", שכח אייבערשטער פאר די מח שווענקונג...

דער ראש ישיבה דערציילט אסאך מאל די מעשה אז דער הייליגער צדיק ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב איז איינמאל געקומען אין שול און נישט געזאגט די ברכה פון שלא עשנו גוי. ווען זיין תלמיד האט אים אויפגעמערקט דערויף האט ער דערציילט אז היינט אינדערפרי האט ער זיך דערוועקט און דער יצר הרע איז געקומען איינרעדן דעם גרויסן צדיק אז ער האט זיך נישט מיט וואס צו מחי' זיין. ביז דער צדיק האט געגעבן א שפרינג אויף און געזאגט די ברכה פון "שלא עשנו גוי" מיט גרויס שמחה און דאס האט אים אויפגעלעבט.

נו, טראכט איינער צו זיך, הערנדיג די מעשה, הלוואי בין איך אויך זוכה דאס צו שפירן

דער רבי גיט אונז שוין א וועג. דער רבי האט שוין געזאגט אז די גרעסטע מדריגה איז צו מאכן פון תורה תפילה.

דאס הייסט אז מען הערט א מעשה, א תורה א מושג מאכט מען דערפון א כלי, א תפילה. מען זאגט ארויס, "באשפעער העלף איך זאל זוכה זיין דערצו".

רבי נתן האט דאך געמאכט א גאנצע ספר "ליקוטי תפילות" געבויעט אויף די תורות פון רבי'ן. אז מען הערט א שיינע מדריגה, זאג נישט "אך, דאס איז נישט פאר מיר. איך וועל צו דעם נישט צוקומען."

ענדערש זאג, "באשפעער איך וויל אויך. איך וויל אויך זוכה זיין דערצו. העלף מיר טאטע."

אמת, עס איז נישט קיין סוד אז די אמעריקאנע גייסט מיט איר שטורעמישע ווינטן פון הפקרות און פרייהייט דראעט צו פארשוועמען אלע וואס קומען נאנט צו איר.

די היסטאריע בלעטער דערציילן אונז איבער די ווייטאגליכע פאקט אז וואס די גרויזאמע הענט פון די סאדיסטן פון דער אלטער היים האבן נישט געקענט פועל'ן מיט צוואנג האט ליידער די פרייע אמעריקאנער לופט געטון "אן קיין שאס..."

ליידער דערציילן אידן אז די וואסערן ארום עליס איילענד האבן איינגעזאפט הונדערטער פאר תפילין נאך איידער די שיף האט געאנקערט, "ווייל אמעריקע איז נישט די אלטער היים..."

אבער אויך אין אט די שטורעם, אינעם מבול פון הפקרות קענען מיר זיך בויען אן אינזל פון קדושה, דורך צוהערן צו די קול פון צדיקים וואס דערמאנען אונז כסדר וואס איז ריכטיג און וואס איז וויכטיג. און מיט תפילה און תפילה נאך א תפילה, אזויווי דער ראש ישיבה זינגט אזוי שיין "רעד צום באשעפער, רעד צום באשעפער, פרוביר עס נאכאמאל, רעד צום באשעפער..." איז מען זוכה צוביסלעך צו טוישן דעם מהלך המחשבה און גליסטן נאר צו טון גוטס און צו זען אז שיין איז וואס די תורה זאגט אונז אז עס שיין.

מיט תפילה וועלן מיר זוכה זיין זיך צו ארויסהייבן פון די מיסטקאסטן און פליען הויעך הויעך צו אן ארט ווי די פראסטע הינדלעך קענען נישט דערגרייכן... צו אן ארט פון צניעות און קדושה. מיר וועלן "אפגרעידן" אונזער סטאטוס און זיך "ערלויבן" שענערע און בעסערע זאכן וואס דער המון עם קען זיך נישט "ערלויבן".

אונזער מח וועט ווערן אויסגעלייטערט, קלאר און ריין צו געדענקען אז מיר זענען נאר אידן וואס וואוינען אין אמעריקע און ווארטן אויפ'ן טאג וואס מלא כל הארץ כבודו, דער אייבערשטער'ס כבוד וועט אנפולן די וועלט און אלע וועלן זען אז "שקר החן והבל היופי" אבער "אשה יראת ה' היא תתהלל!" ■





### ג. פעקעטע

# מיין מאן איז א בעבי

ליבי איז זייער א געלונגענע פרוי, יעדער איינער קען איר, יעדער איינער ווייסט פון איר, און יעדער איינער קוקט ארויף אויף איר. שוין אין אכטע קלאס איז זי געווען די קלאס פרעזידענט, זי האט געמאכט די פאן פראגראמען פאר די קלאס, פאר די גאנצע יאר. אין צענטע קלאס איז זי געווען אויסגעוועלט אלס משמרת הויפט, צו אריינברענגען גוטע מידות און הלכות, אין די גאנצע הויך שולע.

אין עלפטע קלאס איז זי געווען די הויפט פון טאנצן ביי די יערליכע יאר פארשטעלונג. חוץ פון דעם וואס זי האט געשפילט די סטאר ראלע פון א יעדע טאנץ אויפן סטעידש, האט זי אויך אנגעפירט די טענץ וואס אלע אנדערע מיידלעך האבן געשפילט..

אין 12'טע קלאס איז ליבי געווען די אויסדערוועלטע צו זיין די וועלדיקטאריען אויף איר גראדואציע. ווען מען קלויבט א מיידל פאר די כיבוד, רעכנט מען אריין אין דעם אירע אלע צוועלעף יאר פון שולע; פון זיין א בעל מידות, פון זיין דרך ארצ'דיג, פון באקומען גוטע מארקס אויף אירע אלע טעסטס; אויך - שטילערהייט צווישן מיר און דיר - רעכנט מען אריין די משפחה יחוס, די געלט, און די מסורה וואס מען פירט זיך שוין יארן נאך יארן אז א קינד פון די און די משפחה, וואס טראגט די ברענד נעים, זאל באקומען די וועלדיקטאריען.

עס איז איבריג צו זאגן, אז א קורצע ווײלע נאכן ארויסגיין פון שולע, איז ליבי געווען די ערשטע כלה פון איר קלאס. די גאנצע כלה'שאפט איז אריבערגעפלויגן מיט "פרייליכע" (אנגעצויגענע) שאפינג טריפס, צו יעדע גרויסע דעפארטמענט סטאר, און האום גודס סטאר, וואס ברענגען אריין ביי זיך נאר די טייערסטע קאמפעניס, די שטערקסטע ברענדס, וואס טראגן אויף זיך די העכסטע פרייז טעגס.

זי האט געהאפט אז מיט א פערפעקט שטאפיר וועט זי האבן א פערפעקט לעבן. אויך איז זי מיטגעלאפן מיט עולם גולם צו יעדע סעיל קויפן אלע 50% אראפ סעיל אייטעמס - זאכן וואס זי דארף נישט, און דעריבער אויסגעלייגט די 50% וואס זי קען זיך ווען שפארן מיטן בלויז בלייבן אינדערהיים און איינקויפן נאר וואס מען דארף אמת'דיג יא צום ניצן.

ענדליך איז שוין אנגעקומען די פרייליכע מינוט, וואו זי טרעפט זיך ביי זיך אינדערהיים - א פארהייראטע פרוי - זיצן מיט איר טייערע מאן, א טשאטשקע פון א בחור, וואס אוודאי קומט ער אויך מיט א לאנגע רעזומעי פון באקומען שיינע תעודות, באגלייט מיט ווארעמע ווערטער פון אלע וואס קענען אים.

אבער ווי נאר די טעג גייען אריבער, האט ליבי אנגעהויבן שפירן אז דער טשאטשקע פון א בחור, איז טאקע א

מורא'דיגער טשאטשקע, און מען דארף רעדן מיט אים ווי מען רעדט מיט א קליין קינד, און מען טשאטשקעט זיך מיט זיי.

ליבי'ס שארפע מח, קלוגע ווערטער און אויסגעשפיצטע צונג, זענען געווען טויזנט מאל מער ווי איר מאן דער טשאטשקע פון א בחור, וואס האט נישט געהאט קיין גרויסע שכל. זי האט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי האט געקענט פאסירן אזא זאך, אז זי זאל זיך טרעפן אין די ד' אמות מיט א מאן אזא גולם, אזא קלאץ, ממש נאריש.

ליבי האט אבער איין זאך גוט געוואוסט 'זיך גט'ן איז נישט די עצה' האט זי פרובירט צו שלינגען און שטופן, שלינגען און שטופן, און ווארטן מיט סבלנות אז זאכן זאלן זיך פארבעסערן.

נאך א קורצע צייט, ווען די שטוב איז אנגעפולט געווארן מיט קליינע קינדערלעך, איז טאקע געווארן אביסל גרינגער, ווייל ליבי'ס מאן - דער קינדערישער טשאטשקע - איז זיך זייער גוט אויסגעקומען מיט די קליינע קינדער, ער איז געווען ממש אויף זייער לעוועל; ער האט געמאכט וויצן וואס האט געמאכט די קינדער לאכן, ער האט זיך געשפילט מיט די שפילצייג וואס האט געמאכט די קינדער טאנצן, און ער האט זייער שיין געקענט זינגען און פארברענגען מיט די קינדער, ווייל דאס איז דאך זיין יארגאנג, זיי זענען ממש געווען ביי די זעלבע לעוועל..

פאר ליבי איז עס טאקע געווען א הילף אז ער האט זיך אזוי שיין געקענט אויסקומען מיט די קינדער, אבער וואס איז מיט מיר? - פלעגט ליבי שפירן און טראכטן, איך דארף דא אפלעבן מיט א מאן א קינד, איך דארף דא פארברענגען מיינע טעג און נעכט מיט א מאן וואס איז נישט דער קלוגסטער, וואס פארשטייט נישט צו מיינע חכמות, און וועט קיינמאל נישט אנקומען צו מיר אמת'דיג פארשטיין.

ליבי איז געווען א קלוגע פרוי, זי האט ריכטיג גענוצט איר חכמה. זי האט גענומען די עצות פון צדיקים וואס זי האט זיך אמאל אנגעשטויסן אין א קונטרס, די עצה וואס מוהרא"ש זאגט אונז: 'זיך גט'ן, איז נישט די עצה'. זי האט פרובירט מיט אלע אירע כוחות, זיך צו שטארקן און ארויסווייזן כבוד פאר איר מאן, און פרובירט צו שעצן איר מאן, זי האט אויפגעזוכט א קליינע פינטל אין איר מאן וואס איז יא גוט, און אויף דעם געבויעט איר גאנצע שלום בית, איר גאנצע שטוב. אז איר מאן קען נאר מאכן וויצן, אז איר מאן קען נאר מאכן לאכן, האט זי זיך גענומען בויען איר שטוב אויף דעם דערהער, 'טאטי איז אזוי געשמאק', 'טאטי מאכט אזוי פרייליך אין שטוב', 'טאטי מיר קענען קוים ווארטן צו הערן פון דיר נאך א גוט ווארט', האט זי אויפגעברענגט די קינדער מיט די גרעסטע מאס כבוד און שעצונג פאר זייער טאטע.

עס איז אדורך לאנגע שווערע יארן, וואס ליבי האט זיך מחזק געווען נאכאמאל און נאכאמאל נאר מיט די עצות וואס זי האט געלערנט, פון קוקן גוט אויף איר מאן, אים אויסלויבן, אים אויסרימען, און שטילערהייט וויינען צום אייבערשטן פאר נאך כח, סבלנות און הילף דורך צו מאכן די איינזאמע טעג.

אפילו צווישן איר פאמיליע און שכנים - וואס האבן יא אביסל מיטגעהאלטן וואס טוט זיך צווישן איר מיט איר מאן - איז זי אלעמאל געווען די קלוגע פרוי, וואס פלעגט אויסרימען און אויסלויבן איר מאן, אז עס האט געמאכט אירע אלע נאנטע אנהייבן טראכטן, קען זיין טאקע אז ער איז יא קלוג, נאר אונז זעען עס נישט, מוז זיין אז דער טשאטשקע פון א מאן - וואס ליבי האט באקומען, איז אפשר א באהאלטענער צדיק, אז פונדרויסן קען מען טאקע נישט אנזען זיין צדקות, און זיין קלוגשאפט; אבער ליבי לויבט אים אזוי אויס, זי האלט אין איין אויסרימען זיינע מעלות, טרעפן אזעלכע שיינע זאכן צו דערציילן וועגן איר געטרייער איבערגעגעבענער מאן, מוז זיין אז ער איז טאקע יא גאר גוט און געלונגען אין לעבן.

מוהרא"ש שרייבט צענדליגע מאל אז א פרוי וואס איז אלעמאל דא פאר איר מאן, שטעלט זיך אהער פאר איר מאן, געבט זיך אוועק פאר איר מאן, טוט אלעס פאר איר מאן, לייגט איר מאן פאר אלעמען אנדערש אויף די וועלט, וועט זוכה זיין צו האבן קינדער, נאך גרעסער ווי משה רבינו און אהרן הכהן..

אזוי האט זיך אויסגעשטעלט מיט ליבי'ס שטוב. יארן פון שווייגן, און יארן פון שלינגען, און יארן פון זוכן און טרעפן עפעס אביסל גוטס אין איר מאן, און בעטן דעם אייבערשטן "זיך צו קענען דערהאלטן, און בלייבן פרייליך, און נישט אנטלויפן און די מצב," זענען פארביי, און ליבי האט זוכה געווען צו קינדער כהנים גדולים, קינדער וואס לייכטן און שיינען אין עבודת השם, קינדער וואס זענען שיין מצליח אין לעבן, קינדער וואס ווערן אנגערופן א סוקסעס.

און די סוד אונטער דעם ווייסט נאר ליבי.

***

בא אל פרעה, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו. עס איז אבער זייער אינטערעסאנט, געוויינליך ווען מען זאגט פאר איינעם גיי, זאגט מען 'לֵך'- לֵך אל פרעה. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי אינטערעסאנט געזאגט 'בא - קום' קום צו פרעה?

וויבאלד דער אייבערשטער האט געוואוסט אז דאס איז א שווערע זאך צו טון, גיין צו פרעה. מיר ווייסן דאך שוין וואס דער הייליגער רבי זאגט, פרעה איז פה - רע, א שלעכטע מויל, קיינער וויל נישט גיין צו פה-רע א שלעכטע מויל, צו א פלאץ פון זיך אפרעדן, צו א פלאץ פון קאמפלעינען, און זען נאר שלעכטס, און שפירן ווי גארנישט גייט זיי זייער וועג. אבער די אמת איז, אז וואס דער אייבערשטער מאכט, איז פאר אונז גוט, אבער ווען עס איז א שווערע צייט, איז גוט צו געדענקען אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו 'בא', דו דארפסט יעצט גיין ערגעץ, ס'איז דיר שווער? איך זאג דיר נישט 'לך - גיי', איך זאג דיר 'בא - קום', קום, איך גיי גיין מיט דיר, דו דארפסט נישט גיין אליין.

אונזער ליבי האט אויכעט געהאט איר 'בא-boy'- איר מאן, אבער דער אייבערשטער איז געווען מיט איר אלע יארן וואס זי האט געלעבט מיט איר מאן,

איר משפחה איז גאר שיין אויסגעוואקסן, אלעס אין זכות פון זיך דערהאלטן מיט די שטארקע ריינע אמונה, וואס משה רבינו - דער צדיק אמת- ברענגט אריין אין אונז, אז עס איז נישטא קיין טעות, וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט פאר מיר, און איך נעם עס אן באהבה, איך בעט דעם אייבערשטער פאר סיעתא דשמיא, פאר סבלנות, און ער זאל מיר פרייליך מאכן ווען מיין הארץ איז פארקלעמט, און אזוי קען מען עס שיינערהייט דורך מאכן מיט דעם אייבערשטן ביי אונזער זייט.

# Ice Cream Cookies

BY: T. PINTER

## INGREDIENTS:

- 7 OZ REGULAR CHOCOLATE (NOT BAKING CHOCOLATE)
- HALF CUP OIL
- HALF CUP BROWN SUGAR
- HALF CUP SUGAR
- 2 EGGS
- 3/4 TEASPOON BAKING POWDER
- 3 TABLESPOON COCOA
- 3/4 CUP FLOUR

## DIRECTIONS:

- ALL MEASUREMENTS ARE WITH A PLASTIC 7OZ CUP
- MELT THE CHOCOLATE WITH THE OIL (CAN BE DONE IN MICROWAVE)
- WHISK EGG AND SUGARS.
- ADD THE MELTED CHOCOLATE.
- ADD THE BAKING POWDER, COCOA, FLOUR AND MIX IT.
- PUT THE MIXTURE IN A PIPING BAG AND MAKE CIRCLES ON BAKING PAPER.
- BAKE PREHEAT OVEN 350 FOR 10 TO 12 MINUTES
- WHISK 8 OZ WHIP TOPPING WITH HALF CUP WATER, AND HALF BAG VANILLA PUDDING FROM OSEM.
- SERVE FROZEN, WITH A ERLICHE BRUCHE.



30

# דער אוצר אויפן באן

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

**אין קורצן פון פריער:**
אַ איד בעט אַ בְּרָכָה פון מוהֲרָא"ש פַאר דְי רְפוּאָה פון אַ קִינְד וָואס דְי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז עֶר גֵייט לֹא עָלֵינוּ נִישְׁט קֶענֶען זֶען. מוהֲרָא"ש לֶערְנְט פָאר זַיין וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר פַאר דְי אִידְן אִין לָאנְדָאן.




גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב




# אין זכות פון לערנען דעם רבינ'ס ספרים

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט: דער עיקר פון תשובה איז, ווען מען באקומט בזיונות און**

א. מ'ענטפערט נישט צוריק
ב. מ'געבט א שריי צוריק
ג. מ'ווערט רויט
ד. נאכדעם פארקויפט מען עס

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש זאגט: דער הייליגער בית יוסף האט זוכה געווען אז מען האט אנגענומען זיין ספר, דער שלחן ערוך צוליב זיין גרויסע ענוה

## געב א שמייכל

**פארוואס זענען די חזנים ארויף מיט די פרייז לעצטנס?**

ווייל די אייער זיך צו גארגלען איז שרעקליך טייער...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**לז. מִי שֶׁאֵין מַאֲמִין בְּדִבְרֵי הַצַּדִּיק, לְסוֹף שֶׁאֵין נֶהֱנֶה מֵהַדָּבָר אַף עַל פִּי שֶׁהוּא רוֹאֶה.**

וֶוער עֶס גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין דִי רֵייד פוּנֶעם צַדִיק, וֶועט צוּם סוֹף נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי זַאךְ וָואס דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט, כָאטְשׁ וָואס עֶר וֶועט זֶען וִוי דִי זַאךְ פַּאסִירְט.



# שרייב טישל

## לגאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **יהושע היימליך - קרית ברסלב**

# מַעשֶׂה'לעך פַאר קִינדֶערלעך

## נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן קֵיינֶעם

קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ יֶענֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק סא, מִכְתָּב י"ב שנב):

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט אַפְּטָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט אַ גְרוּפֶּע תַּלְמִידִים הֵיילִיגֶע אִידְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִּיק זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן קַיין סַאסוּב מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין אַפְּטָא, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן קַיין סַאסוּב; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, זַיינֶע בְּרָכוֹת פְלֶעגְן מְקוּיָּם וֶוערְן.

דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אִים פַאר יְשׁוּעוֹת, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן בְּרָכוֹת; אָבֶּער דֶער חַזָּן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לֵץ, אַ מְחוּצָּף, עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען חוֹזֵק מַאכְן פוּן דֶעם אִיד.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי דֶעם אִיד - הָאט דֶער חַזָּן גֶעשִׁיקְט זַיין דִינְסְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר זַיין צִיגֶעלֶע, מִיט דִי כַּוָּונָה צוּ שְׁפֶּעטְן. דִי דִינְסְט קוּמְט אַרַיין אוּן בֶּעט הוֹיךְ: "דֶער רֶבִּי זָאל וִוינְטְשְׁן פַאר דִי צִיג אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!" הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק אָנְגֶערוּפְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער צִיג זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם שֵׁיינֶעם קוֹל פוּנֶעם חַזָּן אוּן דֶער חַזָּן זָאל בַּאקוּמֶען דִי קוֹל פוּנֶעם צִיג!"

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען; דֶער צִיג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם קוֹל, אוּן דֶער לֵץ, דֶער חַזָּן - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרוּמֶען: "מֶעע...! מֶעע...! מֶעע...!" אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים! עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט; וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶעע...! מֶעע...!" פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס חַזָּן.

פוּן דֶעם זֶעעֶן מִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּן זִיכֶער נִישְׁט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף.



דֶער חַזָּן מַאכְט מֶעעע מֶעעע

# קליין און פיין



פינחס ישעי מיט שלום קארנבלי מאכן פריילער.





פייגעלע יאקאבאוויטש



פרי 1 עי שטעטל סקול



שרי אינדיג זעקסלינג קערידזש



משפחת מזרחי



מענדי לב. הפצה טראק



משפחת אפפענהיים



נתי זוסמאן



קריינדי ברוין און שרי אפפעל

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


אליעזר שלמה און חיים בוים



איידל ברכה קארנבלי


נפתלי און מרדכי העסקעל


אליעזר שלמה בלום



עמרם ראטה


יואלי בירנבוים




פרי 1 עי שטעטל סקול

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**הבדלה דורך החתן יהושע איינהארן נ"י**
**אין ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק**



**ברית פון הילד נחמן נתן נ"י בן מו"ה אלי**
**פערל הי"ו אין ביהמ"ד אין שטעטל**



**אין א שמועס מיטן ראש ישיבה**



**ווייטערדיגע פארשריט ביי די ארבעט פאר די**
**עקסטענשן צום האשקי שול אין שטעטל**

קרעדיט: שלומי האמער, יוסי פרערויא, מוטי ראזנפעלד, לייבי ראטה





החתן שלמה זאלדאן ני"ו ביים אפנעמען א ברכת מזל טוב ביי הרה"צ רבי יצחק לעססער שליט"א אין יבנאל



לחיים פון החתן שלמה זאלדאן ני"ו אין בני ברק



ביים עולה זיין לתורה



בר מצוה פון אשר אנשיל אפעלדארפער נ"י



היסטאריע!
האלט אייך געשפאנט צו זיין
א חלק פון היסטאריע
*sruliHeskel